STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01515

# HAYYIM SHAPIRO

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



חיים שאַפּירא

איין אַנדענק פון

רָאזאַ נעוואָדאָווסקאַ

# חיים שאַפּירָא

## אין דער אָפּשאַצונג
## פון זיינע פריינט

רָאזע נעוואדאָווסקאַ
רעדאַקטאָר

אַרויסגעגעבן פון דעם חיים שאַפּירא יובילוי קאָמיטעט
לכבוד זיינע פופציק יאָר
לאָס אַנגעלעס —:— 1937 —:— קאַליפאָרניע

געדרוקט אין די פאסיפיק פרעס

61

לאָס אנגעלעס —:— 1937 —:— קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


י. לעווין און מאַרק קאַרטער — באַגריסונג פון יוביליי קאָמיטעט

ראָזע נעוואָדאָווסקא — חיים שאַפּירא, אונזער מיטגייער

דר. חיים זשיטלאָווסקי — באַגריסונג

ש. ניגער — באַגריסונג

ב. וולאַדעק — צו חיים שאַפּירא'ס 50 יאָריקן יוביליי

אַמעריקאַנער אָפּטייל פון „ייוואָ" — באַגריסונג

אַמעריקאַנער „אָרט" — באַגריסונג

נ. כאַנין — באַגריסונג

דר. נח מייזעל — באַגריסונג . . רינג אין קאַליפאָרניע

י. לעווין — באַגריסונג פון אַרבעטער

א. מאַגיד — חיים שאַפּירא מיט 28 יאָר צוריק

וואַרשעווער יאָנג־מען געזעלשאַפט — באַגריסונג

פּ. קאַרל — חיים שאַפּירא, דער שיין־רעדנער און פּראַקטיקער

בראַנטש 443 — באַגריסונג

די אינדעפּענדענט ליידיס — באַגריסונג

דזשואיש ליידיס בענעפיט סאָסייטי — באַגריסונג

י. ש. נאַאומאָוו — די ברכה פון קאָנצענטראַציע

זלמן רייזין — באַגריסונג

„ייוואָ", ווילנער אָפּטייל — באַגריסונג

י. פרידלאַנד און ל. א. קולטור קלוב — באַגריסונג

ל. בלאַנק — חיים שאַפּירא, דער סימבאָל פון איינינקייט

פ. ריסקין — דער אַפּאָסטאָל פון שיינקייט

חיים קאַטיליאַנסקי — גרייט ? — שטענדיק גרייט!

ל. האָפמאַן — באַגריסונג

חיים שאַפּירא — געדאַנקען וועגן פרייהייט

וויליאַם געווירץ — באַגריסונג

מאָרים מאָשקאָוויץ — באַגריסונג

אַנאַטאָל און פראַנקא ווינאָגראַדאָף — באַגריסונג

סאָניע עלמית און א. אזרא — באַגריסונג

לואיס פעלהענדלער — באַגריסונג

מ. מענדל — באַגריסונג

י. ראָבערטס — דער פּאָעט און פאָלקסמענש

סענטראַל דזשואיש קאָמיטע — באַגריסונג

איקאָר, שטאָט קאָמיטעט — באַגריסונג

מ. סילווער — באַגריסונג

ישראל און נעכע פיינבערג — באַגריסונג

בעקערס יוניאָן, לאָקאַל 453 — באַגריסונג

ליידיס אקזילערי, לאָקאַל 453 — באַגריסונג

אידישער אַרבעטער קאָמיטעט — באַגריסונג

דר. אליהו חיים עפּשטיין — באַגריסונג

# חיים שאַפּיראָ יובילײ קאָמיטעט

מאַרק קאַרטער, פּאַרזיצער — יוליוס לעוויט, סעקרעטאַר
פּ. קאַרל, וויצע-פּאַרזיצער — דר. א. ח. עפּשטיין, טרעזשורער
נתן גאָרדאָן, דירעקטאָר פון באַנקעט קאָמיטעט

## אַראַנזשירונגס קאָמיטעט

מאַקס אייבראַמס
אהרן אייעראַוו
מ. פּ. בערג
לעאָן בלאַנק
אננא בראַנד
ראובן בוראַקאָוו
מרס. מאַקס קאַרטער
סעם טשאַרני
מרס. ס. מ. טשערנים
הערי סיטרין
דאָרא קאָהן
סעם קוק
פּאָול דובנאָוו
רבי גרשון עפּשטיין
דוד פּאַמיליאַן
ישראל פיינבערג
מאיר פינק
ב. פלאַטע
שלמה פאָגעל
וויליאַם געווירץ
דר. מרם גאָלדוואַסער
ווערא גאָרדאָן
דוד גראַבאָווסקי
לעאָ האַרווי
לואיס האָפמאַן
שמואל האָלצמאַן
אברהם האָרוויץ
ראָזע האָרוויץ
וויליאַם אייזענבערג
דר. ה. פּ. יאַקאָבסאָן
עדוואַרד יאָלאָף

פּיטער מ. כהן
מרס. פּ. קאַרל
מרס. דזש. קאַפּלאַן
דר. בען קאַץ
דר. נאַדינאַ קאַווינאַקי
דר. נחום קאַווינאָקי
א. קורטמאַן
חיים קאַטיליאַנסקי
מרס. א. לעווין
יודל לעוויט
י. י. ליבערמאַן
קלמן לובאָוויצקי
א. מגיד
רבי עדגאַר פּ. מאַגנין
יוליוס מאַקאָווסקי
איוואַ מייערס
י. א. מייערס
מאָרים מאָסקאָוויטש
דר. ס. י. מאָוויט
רבי ש. מ. נעכעס
ע. ל. ניושטיין
ראָזאַ ז. נעוואָדאָווקאַ
א. ניומאַן
טשאַרלס ניומאַן
מאַרקאַ ר. ניומאַרק
מ. נאָוויק
יוסף פּאַניץ
דר. ה. ס. פּען
סעם ראַסקין
פעני ריינהאַרדט
דר. מאָרים ריינהאַרדט

דזשיי. ראָבערטס
ה. רויזענבלאַט
דזש. א. ראָזענקראַנץ
מרס. י. א. ראָזענקראַנץ
בען ראָזענטהאַל
מרס. ה. ראָזאָף
הערי ראָזאָף
רעוו. עדווין פּ. ריילאַנד
דר. נתן זאַלצמאַן
דזשעק ג. שאַפּיראָ
בען שעכטער
טשאַרלס שאָטלאַנד
רעוו. פלאָיד סימאָן
דזשאָ שאַפּיראָ
ה. שערמאַן
הערי שער
דר. לעאָן שולמאַן
לואיס ל. סילווערבערג
מאַניאַ סילווערבערג
אַפּטאָן סינקלער
הערי סאָדאָס
בען סאָלניט
מרס. א. וו. סטאָלאָף
דר. סעם סוויזי
לואיס טאַבאַק
מאָרים טרובין
מאָרים טייער
פעני וואָלדמאַן
ה. וועקסלער
מרס. דזש. צימערמאַן

י. לעוויט
מאַרק קאַרטער

# באַגריסונג פון טשערמאַן און סעקרעטאַר פון חיים שאַפּיראָס יובּילײ קאָמיטעט

בלויז דורך א צופאל האבן מיר זיך דערוואוסט, דאס אונזער הארציקער פריינט, חיים שאַפּיראָ, איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר. דער פאָלקס־טריבון און דער פאַרטיידיקער פון דער מענשהייט — חיים שאַפּיראָ, איז פאַר זיך אַליין אזוי באשיידן, דאס אפילו וועגן זיין פופציקסטן געבורטסטאָג האָט מען געקענט זיך דערוויסן ערשט א געוויסע צייט נאָכדעם, און דאָס אויך דורך א זייטיקן צופאל, וואס איז ארויסגעקומען פון א געוויסן געשפרעך. אזוי שנעל אָבער ווי מיר האָבן זיך דערפון דערוואוסט, איז געוועזן ניט מער ווי נאַטירליך פון אונזער זייט צו רופן א צוזאמענקונפט פון געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע קענען דעם יובּיליאַר און וועלכע זיינען פאַרערער פון זיין ארבעט פאַר א גליקלאַכערער און בעסערער מענשהייט, און צוזאמען אראנזשירן א פאַסיגע יובּילײ־פייערונג פאַר דער פּערזאָן, וואָס פאַרדינט פיליכט מער ווי עמיצער אַנדערש אין אונזער געמיינדע, די אַנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען צו אַלעם וואָס איז נאָבעל, שיין און ערהאבן.

מיר זיינען גליקלאך צו ווערן אויסדערוויילט, אלס די הויפּט באאמטע פון דעם חיים שאַפּיראָ יובּילײ־קאָמיטעט און צו ווערן די אָנפירער פון דער גרויסער פייערונג. מיר זיינען אויך גליקלאך דערמיט, וואָס דער יובּילײ־קאָמיטעט האָט באשלאָסן צו פּרעזענטירן דעם יובּיליאַר מיט א שריפט, וואס זאָל אין זיך אריינגעמען די פילע באַגריסונגען פון פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד און פון פערזאָנען באַרימט מיט זייערע אויפטואונגען אין פאַרשיידענע צווייגן פון אונזער לעבן און קולטורעלן ווירקן.

דאָס לעבן פון א פאָלקס־רעדנער און געזעלשאפטלעכן טוער קען פאַר־גליכן ווערן צום לעבן פון א שוישפּילער, צו א קינסטלער פון דער בינע:— פאַר זיי פלעכט ניט די וועלט קיין לאָרבער קרענץ פאַר דער צוקונפט. זיי מוזן זיך אויסלעבן אין זייער געגנוואַרט. זייער ווירקונגס־קרייז איז אין זייער אייגענער צייט אין וועלכער זיי לעבן. דעריבער פילן מיר זיך נאָך מער גליק־לאַך און דאַנקבאַר דעם שיקזאל, וואָס מיר האָבן די געלעגנהייט אנטייל צו נעמען אין דער פייערונג פון יובּילײ פון אזא רייך לעבן פון א מענשן, ווי אונ־זער ליבער פריינט חיים שאַפּיראָ. ספּעציעל אין אונזער צייט, ווען איין מענש צום צווייטן איז ווי א וואָלף, גרייט צו פאַרצוקן און צו פאַרניכטן, איז

באמת א פאַרגעניגן צו זען דאָס דער מענש וואָס טוט גוטע אַרבעט ווערט ניט קריטיקירט און פאַרלוימדעט, נאָר ווערט ביים לעבן אַנערקענט, געלויבט און פאַרערט, לויט זיין פאַרדינסט.

מיר, וואָס קענען דעם יובילייאַר נאָנט פאַר פילע יאָרן און זיינען קאָלעגן אין פילע אַרבעטן, קענען מיר זיך דערלויבן צו זאָגן, דאָס מיר זיינען שטאָלץ מיט דער אידישער לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט געקענט אין זיך איינהאַלטן אַזאַ וואונדערבאַרע פּערזענלעכקייט און עס אויסנוצן פאַר אַלע וויכטיקע אַרבעטן.

מיר וועלן געוויס ניט זאָגן קיין נייעס, ווען מיר וועלן דערציילן אַז חיים שאַפּיראָ איז איינער פון די פיינסטע אידישע רעדנער, ניט נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, נאָר איבער׳ן גאַנצן לאַנד. אָבער חיים שאַפּיראָ איז אויך אַ טעטיקער און אַ פּראַקטישער טוער און פירער. אין די נאָענט פון דרייסיק יאָר, וואָס ער איז אַן איינוואוינער פון לאָס אַנדזשעלעס, קומט ער אָפט באַגייסטערן מיט זיין פיינעם, קולטורעלן רעדנער־טאַלאַנט. אָבער נאָך אָפטער קומט ער אַלס אָרגאַניזאַטאָר, אַלס גרינדער פון וויכטיקע אָרגאַניזאַציעס און אַלס פירער.

עס איז ניט אונזער אויפגאַבע צו שרייבן די ביאָגראַפיע אָדער לעבנס־געשיכטע פון אונזער ליבן פריינט און יובילייאַר. די דאָזיקע אויפגאַבע האָבן מיר איבערגעגעבן אין אַנדערע הענט. מיר קענען אָבער ניט פאַרבייגיין דעם פאַקט צו דערציילן פון די פילע באַרימטע פּראָטערנאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע באַוועגונגען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן פון חיים שאַפּיראָ און פאַר פילע יאָרן פון אים געפירט געוואָרן.

אַלע ווייסן אַז דער אַרבעטער רינג איז אין לאָס אַנדזשעלעס אַ גרויסע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. אָבער ניט פילע ווייסן, אַז חיים שאַפּיראָ איז איינער פון די גאָר ערשטע מיטגלידער און אַז ער איז אויך איינער פון די ערשטע טשערלייטע פון די אַרבעטער רינג דיסטריקט קאָמיטעט אין די ערשטע יאָרן פון זייער עקזיסטענץ.

דער ריזיגער און באַרימטער סאַנאַטאָריום אונזערער, וועלכער איז אריינגעטראָטן אין 25־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ — אויך דאָ איז חיים שאַפּיראָ איינער פון די גרינדער און ער איז אויך געווען פאַר איינציגע טער־מינען דער פּרעזידענט פון אָט־דער גרויסער און באַרימטער נאַציאָנאַלע אינ־סטיטוציע. עס וועט זיין צופיל אויסצורעכענען די פאַרשיידענע אַמטן, וואָס אונזער יובילייאַר האָט שוין אין לאָס אַנדזשעלעס געהאַלטן. ביים איצטיקן מאָמענט טרעפן מיר אים אַלס איינעם פון די פירער פון אַנטי־נאַצי אַרבעט,

פון „אָרט“, הילף פאַר די אידן אין פּוילן, אין לאָס אַנדזשעלעס דזשואיש קאָונסיל, וועלכע זוכט צו פאַראייניקן אַלע אידישע טעטיקייטן, און אין פאַר־שיידענע אַנדערע וויכטיקע קולטורעלע אַרבעט, כּלל־אַרבעט און אין אַרבעטן — אונזער איצטיקע וועלטל אויסצובעסערן.

עס זיינען דאָס מענטשן, וואָס זאָגן אַז חיים שאַפּיראָ איז ניט אויסגע־געהאַלטן, אַז ער איבערטרייבט מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר אייניקייט, אַז ער קען זיך חבר'ן מיט יעדן איינעם, אַבי נאָר ער ווערט „געבומט“ און געשטופּט.. די דאָזיקע מענטשן זיינען אָבער אומגערעכט. מ'דאַרף פאַרשטיין חיים'ען און זיין לעבנס־פילאָזאָפיע און דאַן ערשט קען מען זען, אַז אַנדערש קען ער ניט זיין. זיין אַלזייטיקייט קומט ביי אים אַרויס ניט אַלס מיטל פו געפעלן ווערן, נאָר אַלס אַ טייל פון זיין דענקען, ווינטשן און האָפן.

ניט אין קיין זיידן העמדל איז חיים שאַפּיראָ געבאָרן געוואָרן. ער האָט געמוזט קעמפן ניט בלויז פאַר זיינע אידעאַלן, ער האָט אויך געמוזט קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ מיט דער גרעסטער עקשנות, וואָס נאָר דער לאַנגער אידישער גלות־לעבן האָט געקענט איינפּלאַנצן . . .

ווען ער איז מיט אַרום דרייסיק יאָר צוריק געקומען קיין לאָס אַנדזשע־לעס, האָט ער געמוזט פּעדלען און אַרבעטן אַלס „לייבאָרער“ צו קענען עק־זיסטירן. ווען ער איז אַוועק שטודירן אַלס לאָיער, האָט ער עס געקענט טאָן נאָר אַ דאַנק דער מיטהילף פון זיינע צוויי ברידער, אהרן און אברהם שאַפּיראָ. עס האָט לייכט געקענט פּאַסירן ער זאָל זיך אונטערגעבן דעם שיקזאַל און ווערן איינער פון דער מאַסע אַנדערע. ער האָט זיך דערהויבן צו זיין איצטיקן שטאַנד ניט נאָר אַ דאַנק זיין רעדנער טאַלאַנט, נאָר הויפּטזעכליך אַ דאַנק שווערער אַרבעט און אַ דאַנק דער נאַטירלעכער טרייב־קראַפט אין אים צו וועלן דינען זיינע מיטמענטשן און צו העלפן מיט ראַט און טהאַט אַלע געפאַלענע און אונטערדריקטע. העלפן זיי ניט ווי אַ גוטהאַרציקער פּרעמדער, נאָר העלפן זיי ווי אַן אייגענער, ווי אַ ברודער און אַ פריינט.

די דאָזיקע מתנה, וואָס די נאַטור אַליין אָדער גאָט אַליין האָט געשאָנקען חיים'ען, האָט אים אַרויסגעהויבן אַלס פּאָלקס פּראָפּאַגאַנדיסט, אַלס אַגיטאַ־טאָר און אַלס פּריידיקער. אין זיין רייזן שטראָפט ער ניט, ווי דער בייזער נביא, נאָר ער בעט פאַר אונז. זיין נשמה באַהעפט זיך מיט אונזערער און זיין גוטהאַרציקייט מאַכט אויך זיינע צוהערער פאַר בעסערע מענטשן.

אין זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען איז חיים אַ סאָציאַליסט, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקענט איינשפּאַנען אין דער ענגער פּאַרטיי־דיס־ציפּלין. אַפילו ניט דאַן, ווען ער איז געווען דער פירער און באַנער־טרעגער

פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעריבער איז ער אַלעמאָל געווען אַ „פאָלקס־סאָציאַליסט“, און ער וועט אַזעלכער אימער פאַרבלייבן.

ווען אונזער יובּיליאַר, חיים שאַפּיראָ, טוט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ספּעציעל אַן אַרבעט צו לינדערן די ליידן פון קראַנקע און שוואַכע, אָדער אין דער פּאַרטיידיקונגס אַרבעט פון די אַרבעטער פאַר אַ מענשלאַך לעבן, דאַן איז ער ווי ביי זיך אין דער היים. איר פילט ווי אַ נייע נשמה זיצט דאַן אין אים. איז דען אַ וואונדער וואָס אין זיין יובּילי באַטייליקן זיך מיט אַ ספּעציעלער ליבע פאָלקס מענשן, כלל־טוער, אַרבעטער און סאָציאַליסטן? דעריבער פילן מיר, די איניציאַטאָרס פון דעם דאָזיקן שיינעם יובּילי, נאָך מער פּריווילעגירט, וואָס אויף אונזער גורל איז די דאָזיקע אַרבעט אויסגעפאַלן.

יעדן מאָל וואָס מיר טראַכטן וועגן יובּילאַר, טראַכטן מיר אויך וועגן דעם אידעאַלן פאַמיליען לעבן וואָס ער פירט. מיר טראַכטן וועגן זיין ליבער פרוי באַשקע און זייערע געראָטענע קינדער. מיר טראַכטן וועגן זיין מוטער, וועלכע ער ליבט און צערטלט, און מיר טראַכטן וועגן זיין איבערגעגעבענעם ברודער אברהם און זיין פּריציייטיק פאַרשטאָרבענעם ברודער אהרן און די שוועסטער קייליע, און וועגן די אַלע אַנדערע קרובים זיינע פון לאָס אַנדזשעלעס און פון אַנדערע טיילן פון לאַנד, וועלכע מיר האָבן דעם פאַרגעניגן צו קענען און צו אַכטן. די גאַנצע שאַפּיראָ פאַמיליע איז אַ פאַמיליע פון גייסטיקע אידישע אַריסטאָקראַטן מיט דעמאָקראַטישע נשמות, וועלכע דינען דעם אידישן פאָלק און וועלכע העלפן די גאַנצע מענשהייט אויסצוקעמפן אַ שענערע און מער גערעכטע אָרדנונג.

אונזער האַרציקע באַגריסונג צו אונזער טייערן פריינט חיים שאַפּיראָ צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג. אונזער וואונש און דער וואונש פון דער גאַנצער אַראַנדזשמענט קאָמיטע צו אייך, חיים, איז, אַז אייער אַרבעט אין דער צוקונפט זאָל זיין אַזאַ, ווי זי איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז געווען אַ גלאָררייכע פאַרגאַנגענהייט.

**מאַרק קאַרטער, טשערמאַן**

**י. לעווין, סעקרעטאַר**

פון חיים שאַפּיראָ יובּיליי קאָמיטעט.

# חיים שאַפּיראָ מיט זיין פאַמיליע



באַשקע חיים





ישראל דוד (בן יחיד) ווייאָלעט־שולמית (בת יחידה)

רָאזע נעוואדאָווסקא

# חיים שאַפּיראָ—דער מיטגייער פון אידישן ישוב

ווען חיים שאַפּיראָ איז אין 1906 אַריבערגעקומען אין אַמעריקע, איז ער אַלט געווען צוואַנציק יאָר.

ער איז אַריבערגעקומען מיט דעם דור עמיגראַנטן, וואָס האָבן דאָ גע־זוכט אַ פעסטן באָדן נאָך דער פּאָגראָמירטער, צעשעדיקטער רעוואָלוציע פון 1905, נאָך די שרעקלאַכע אידישע פּאָגראָמען, אין וועלכע די צאַרישע רע־אַקציע האָט זיך געבאָדן.

איז ער, חיים שאַפּיראָ, אויך געווען איינער פון די אומצייליקע, וואָס האָבן אנטייל גענומען אין דער רוסישער פרייהייט באַוועגונג.

געבוירן אין קרעמענטשוג, פּאָרט דערנאָך חיים שאַפּיראָ מיט זיין משפּחה אין קאַרקאָוו, און דאָ, זינט זיין פריהער יוגנט, נעמט ער אַן אנטייל אין דער פּאַרטיי־באַוועגונג פון ס־ס. (ציוניסטישע־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי).

ער ווערט אַרעסטירט אין דעצעמבער 1905 אויף דעם „סאַדע־זאַוואָד" אין קאַרקאָוו מיט נאָך 136 מענשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען דריי פרויען, און די מאַכט פּאַרפירט געגן זיי דעם גוט־באַקאַנטן אין קאַרקאָוו, אַזוי־גערופענעם, „געלפריך פּראָצעס."

נאָך זעקס מאָנאַטן אין דער אָרטיקער טורמע, ווערט חיים שאַפּיראָ באַ־פרייט אויף „בעיל" און פאַרלאָזט רוסלאַנד.

יענע יאָרן פון גרויסן קאַמף, מיט זייערע ליכטיקע לאָזונגען פאַר באַפרייאונג, מיט זייער ענטוזיאַזם, די אַטמאָספערע פון מסירת נפש פון די מיליאָנען רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און אינטעליגענטן, די אַקטיוויסטן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן זיך טיף אריינגעקאַרבט אין האַרצן יעדן איינעם און חיים שאַפּיראָ איז איינער פון די, וועלכע טראָגן מיט שטאָלץ דעם גלויבן און לאָזונגען פון יענע יאָרן ביז היינטיקן טאָג.

דער שווערער קאַמף פאַר אַן עקזיסטענץ, פאַר דעם שטיקל ברויט אַ טאָג איבערצוקומען, וועלכע עס איז אויסגעקומען צו פירן יעדן עמיגראַנט, וואָס באַרירט דעם באָדן פון דער גרויסער, מעכטיקער אַמעריקע, האָט גלייך אַריינ־גענומען אין זיינע אייזערנע אָרעמס אויך דעם יונגן חיים שאַפּיראָ. ער גייט אַרבעטן אין אַ שטעקל־פאַבריק אין ניו־יאָרק, דערנאָך ווערט ער אַ „ניוס־באָי," אין די פריהע פאַר־פרימאָרגן שטונדן. דורך די טעג לערנט ער.

גלייכצייטיק נעמט ער אנטייל אין דער טעטיקייט פון דער סאָציאַליס־טיש־טעריטאָריאַליסטישער ארבעטער פּאַרטיי און אירע אונטערנעמונגען. אין 1907 איז חיים שאַפּירא אויך געווען איינער פון די מיטגלידער פון דער אידישער קהלה אין ניו־יאָרק.

נאָך צוויי שווערע יאָרן אין ניו־יאָרק, קומט חיים שאַפּירא אין לאָס אַנ־געלעס, אין דעצעמבער, 1908.

זיין שטרעמונג גלייך נאָך זיין אָנקומען אהער איז געווען צו שטודירן. כדי זיך דאָס לעבן צו דערהאַלטן, ארבעט ער ביי טאָג אַלס ציטרינען־וואַשער און דערנאָך אַלס בלומען־פאַרקויפער, אויף אַ סטענד. אָוונטן שטודירט ער אין אוניווערזיטעט פון סאַוטהערן קאַליפאָרניע און ענדיגט אדוואָקאַט אין 1912.

אין 1908 איז קאַליפאָרניע נאָך ניט געווען אין אידישן לעבן אַזאַ גרוי־סער און פילפאַרביקער צווייג, ווי זי איז עס איצט.

די צאָל אידן אין לאָס אַנגעלעס ביי יענער צייט איז נאָך געווען אַ קליי־נע, דער ישוב איז נאָך געווען אַ צעוואָרפענער, אַ שוואַכער. דאָס געזעל־שאַפטלאַכע לעבן האָט קוים־קוים ארויסגעוויזן שפּורן פון אַן אָטעם. אָבער חיים שאַפּירא געפינט זיך גלייך אַן אָרט צווישן די אריבערגעקומענע אהער, צווישן די רייען, וועלכע האָבן אָנגעהאַלטן און האַלטן אָן ביז היינטיקן טאָג די ליבשאַפט צו דעם אידישן פאָלקס־לעבן, די אידעאַלן פון גאַנצן פאָלק.

אויך דאָ זעט מען חיים שאַפּירא זיך באַטייליקן אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָבער ניט נאָר אין דער באַוועגונג אַליין.

אין משך פון 29 יאָר (1937—1908) איז חיים שאַפּירא'ס טעטיקייט ענג פאַרבונדן מיט'ן לעבן פון אונזער ישוב אין לאָס אַנגעלעס.

און עס איז באמת ניטאָ קיין איין וויכטיקע אונטערנעמונג אין שטאָט פאַר די לעצטע ניין־און־צוואַנציק יאָר, אין וועלכער חיים שאַפּירא זאָל זיך ניט האָבן באַטייליקט.

לויט זיין ארכיוו קען מען זייער לייכט ווידער־אויפשטעלן, וואָס איז אין משך פון די כמעט דריי צענדליק יאָר פאַרלאָפן.

מודעות פון מיטינגען, אונטערנעמונגען, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, לעקציעס פון באַדייטנדע פּערזענליכקייטן, אינסטיטוציעס — פאָלקס־שול און סאַניטאַריום, מושב זקנים און עקס־פּאַציענטן היים, — די ערשטע טריט פון אַרבעטער רינג טעטיקייטן און שפּעטערע גרויסע, ארבעטער רינג אונטער־נעמונגען און אקציעס פון געזעלשאַפטן און פּאַרטייען, פאַרזאַמלונגען פון הינע טוער און געקומענע, צופעליקע פאָרשטייער פון אידישע טעטיקייטן אין

אייראָפּע און אַמעריקע, יוניאָן־טעטיקייטן — אַט די מודעות זיינען אין אַרכיוו פון חיים שאַפּיראָ אָפּגעהיט און געזאַמלט געוואָרן, און זיין אייגענער נאָמען פיגורירט דאָ, אַלס רעדנער און מיט־באַטייליקער אין די אַקציעס.

דער אַרכיוו איז אינטערעסאַנט מיט דער אָפּשפּיגלונג זיינער פון אונזער ישוב דאָ, ביים פּאַסיפישן ברעג.

אין אָנהויב, אין די ערשטע יאָרן, זיינען די אונטערנעמונגען אויף די פינגער איבערצוציילן, דערנאָך ווערן זיי מערער, פאַרצווייגטער, שטראַמיקער, ביז די לעצטע יאָרן, וואו די אונטערנעמונגען און די טעטיקייטן ווערן געציילט אין די הונדערטער, די אַקציעס ווערן אַ צווייג פון דעם אידישן לעבן אין דער גאַנצער וועלט.

דער „אָזע" און דער „אָרט", דער אידישער וויסנשאַפטלאַכער אינסטיטוט אין ווילנע און אַמעריקע, אַקציעס פאַר פּוילן, און רומעניע, פאַר שפּאַניע און בירא־בידזשאַן, פאַר'ן אַרבעטער רינג און פאַר יוניאָנס, און פאַר'ן סאַניטאַריום אין דואַרטע, ביי וועלכן חיים שאַפּיראָ איז געווען איינער פון די גרינדער זיינע און פּרעזידענט פאַר יאָרן. מיט איין וואָרט, וואו נאָר מען האָט געדאַרפט אָנפירן אַן אַקציע פאַר אַ נוצלאַכער טעטיקייט, האָט חיים שאַפּיראָ'ס וואָרט ניט אויסגעפעלט.

חיים שאַפּיראָ איז איצט דירעקטאָר און פּרעזידענט פון אַ סך אידישע וויכטיקע אינסטיטוציעס.

ער איז דער אַדוואָקאַט פון דער בעקער־יוניאָן אין ל. א.

אין 1932 איז חיים שאַפּיראָ געווען דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין לאָס אַנגעלעס.

ער איז דער פּאָרזיצער פון דער אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ.

ער איז איינער פון די דערוויילטע אין דער פּאָלקס דעלעגאַציע קיין בירא־בידזשאַן.

אַלע קולטורעלע אונטערנעמונגען האָבן אין אים געפונען ניט נאָר אַן אָפּרוף, נאָר אַ געטרייען אָנהענגער און אַקטיוון אָפּרופיקן מיטגייער. ווער געדענקט ניט זיין גרויסע באַגייסטערונג פאַר די אידישע טעאַטערן דאָ אין שטאָט? פאַר די טרופּעס, וואָס ווען פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער אידישער וועלט? די „הבימה" און די „ווילנער טרופּע" און דערנאָך זיינע קאָלאָסאַלע אָנשטריינגונגען צו אַריבערברענגען און אויפהאַלטן און וועלן איינפלאַנצן און פאַרפעסטיקן דעם ערשטן אידישן קונסט־טעאַטער ביי אונז דאָ, אי לאָס אַנגעלעס, און מאַכן פון אים אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע?

און וויפיל, אומצייליקע כמעט, יחידים האָט פאר דער לאַנגער צייט חיים שאַפּירא געדינט מיט ראַט און טאַט? וויפיל פערזענליכע ענינים גע־שליכטעט? וויפיל מענשן געהאָלפן אין זייערע אמביציעס? העלפן דער־גרייכן זאכן? איז עס אַ לעקטאָר אָדער אַ שרייבער, האָט חיים שאַפּירא ניט געשפּאָרט פון זיין צייט און צוגעלייגט אַ האַנט.

ביי מיר דערוועקט זיך אַ טיפער דאַנק צו חיים שאַפּירא פאַר די שעה'ען, ווען שבת נאָכמיטאַג, נאָך אַ פולער וואָך פון אָנגעשטרענגטער ארבעט, האָט ער אָפּגעגעבן זיין צייט און דערמוטיקונג מיט'ן קאָמיטעט ארויסצוגעבן מיין איינן בוך לידער, און זיין אָפּיס היימיש געמאַכט פאַר אונזער קאָמיטעט. בין איך דאָך ניט די איינציקע, ביי וועלכע אַזאַ דאַנק איז כשר פאַרדינט מצד חיים'ען.

חיים שאַפּירא איז אַ צאַרטער פאָטער און פאַמיליע־מענש. נאָר ער שטעלט זיך ניט אָפּ אָוועקצוגעמען שעה'ען און טעג גאַנצע און אָוונטן פון זיין אייגענער היים, ווען עס האַנדלט זיך וועגן געזעלשאַפטלאַער ארבעט.

מוז מען דאָ אויך געבן אַ גרויסן יישר כח זיין פרוי בתיה שאַפּירא, וועלכע איז מסכים אָוועקצוגעבן שעה'ען, טעג און אָוונטן, אינדערוואָכנס און אָפּטמאָל יום־טובים, פון איר פערזענליכן לעבן און מיט גוטוויליקייט מעט־העלפן חיים שאַפּירא אין זיין כלל־טועריי.

אָט דער צובונד און נייגונג צו זיין צווישן די ברייטע רייען, האָבן מסתמא באַשטימט זיין אויסוואַל צו ווערן אַ לאָיער, אַן אַדוואָקאַט. די פּראָ־פעסיע, וועלכער ער דינט מיט שטאָלץ ביז היינט.

נישטאָ כמעט קיין איין בנין אין לאָס אַנגעלעס, פאַר וועלכן חיים שאַ־פּירא האָט ניט געפירט קיין „קאַמפּיין” צו זאַמלען געלט, און צענדליקער טויזנטער געשאַפן. די פאָלקס־הויז, דער סאַניטאַריום פאַר טובערקולאָזע אין דוארטע, און נאָך און נאָך.

די ברייטע אידישע פאָלקסשיכטן פון לאָס אַנגעלעס ווייסן עס און שאַצן אָפּ די ענערגיע פון אַ מענשן ,וואָס איז שטענדיק גרייט צו דינען יענעם פון האַרצן, מיט באַגייסטערונג.

חיים שאַפּירא'ס באַגייסטערונג איז נאָך יונג. די יאָרן, שווערע יאָרן, האָבן איבער איר קיין האַפט ניט. דאָס האַרץ און נשמה ווייסן ניט פון אַזאַ דימענסיע, ווי צייט.

דאָס אירראַציאָנאַלע אין אונז האָט זיך אירע אייגענע געזעצן. וואָס פאַרמאַטערט דער גוף, אַלץ יונגער אונזער שטרעבונג, טיפער אונזער

וואָרט, מער בענקשאַפט נאָך דערגרייכונג, מער אומעט פאַר דאָס־ניט־דער־גרייכטע, פאַר דאָס־ניט־דערצילטע.

וואָס העכער, אַלץ ווייטער די שפּיצן פון דערגרייכונג.

איך ווייס: עס זיינען פאַראַן מיינונגען, אַז חיים שאַפּיראָ איז ווייניק קאָנצענטרירט אויף איין ליניע.

אייניקע ווילן אים זעהן נאָר אין איין פּאַרטיי, אין זייער פּאַרטיי, פאַרשטייט זיך. און מען האָט פּרעטענזיעס.

אָבער... אָבער דענקען אַזוי, הייסט ניט פאַרשטיין חיים שאַפּיראָ.
חיים שאַפּיראָ איז ניט דער מענש פון פּאַרטיי־אויסגעהאַלטנקייט, פון פּאַרטיי דיסציפּלין, ער איז ניט קיין מענש פון שטרענגקייט בכלל.

עס וועט אַרויסרופן ביי אונז אַלעמען אַ שמייכל, ווען מיר וועלן זיך פאָרשטעלן חיים׳ען מיט אַ שטרענגער מינע. — ער קען עס ניט און דאַרף עס ניט קענען — ניט נויטיק פאַר אים.

האָט דען אונזער לעבן איין איינציקן אַספּעקט? קען דען נאָר איין פּאַרטיי, איין ליניע באַצייכענען און אויסדריקן אַלע איבערלעבענישן פון אונזער פאָלקס־פּנים?

קען איין שטריך, איין ליניע אויסדריקן דעם אַספּעקט פון מיליאָנען?

ווען עס וואָלט געווען אַזוי, וואָלטן מיר אין לעבן אונזערן, אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן פון אונזערע מאַסן אויך געהאַט נאָר איין ליניע.

עס איז אָבער ניט אַזוי, און גוט איז עס וואָס עס איז ניט אַזוי.
דאָס לעבן איז אָקעאַן און מדבר צוזאַמען, סאָד און שטיין, באַרג און טאָל, הימל און ערד, און ערד און שטערן.

רופט זיך דען אַן עכאָ־אָפּ נאָר אויף איין קלאַנג? און דער מענש, וועל־כער טראָגט אין זיך טויזנטער עכאָס, און אַזוי איז דער מענש, — דער אָפּרוף אין אונז ענטפערט מיט טויזנטער עכאָס אַנטקעגן דעם לעבן, וואָס שאַלט אַריין אין אונז.

און עד היום פאַרמאָגט ער אין זיך אויך אַ סך קינדערישעס.
איז עס אויך גוט אַזוי. ווייל קינדער זיינען קליגער, אין תוך גענומען,

פון אונז, גרויסע. ווייזער, אַלנפאַלס.

זיי פאַרמאָגן די ווייזהייט פון ניט פאַרגרויט ווערן אין דער גרויקייט, פון טראָגן זוניקייט, גלויבן, געלעכטער, שמייכל, און ווערן אַנטציקט און באַגייסטערט.

און יעדער טאָג פאַרמאָגט זיין נייאיקייט, זיין פרישע, נייע זון, און ברענגט נייע אימפולסן.

אָט די אייגנשאַפט צו זיין באַגייסטערט, (און ווער עס איז אַליין באַגייסטערט מוז אויך באַגייסטערן), אָט דעם גרויסן, וויכטיקן קינדערשן טאַלאַנט פאַרמאָגט חיים שאַפּירא — ער האָט אים ניט פאַרלאָרן, דעם טאַלאַנט פון אַן ענטוזיאַסט, פון א גלויביקן, פון אַן עקסטאַטיקער.

דערפאַר טאַקי איז ער מיט אַלעמען, ניט נאָר מיט איינציקע און איינצעלנע. דערפאַר איז ער איצט ניט אַליין. דערפאַר געפינט ער שטענדיק, אַז עס איז בעסער אַלע צוזאַמען, אַלע אינאיינעם, איידער יעדערער באַזונדער, זיין א יחיד אין א ווינקעלע, אַפילו אין א פאַרטיי־ווינקעלע. דערפאַר איז ער טאַקע דאָ, אין לעבן אונזערן, איינער פון די ערשטע געוועזן צו גיין אין דער פאַראייניקטער אַקציע, אין דעם פאַראייניקטן פראָנט און שמידן אים און האַמערן מיט זיין וואָרט, כדי מער האַפט, מער פעסטקייט זאָל באַקומען אונזער פראָנט, מער אייזן, מער קראַפט, מער כח.

לאָמיר ניט זוכן זיינע שוואַכקייטן — ער באַהאַלט זיי ניט.

אין איינציקע זיינע שוואַכקייטן ליגט זיין כח.
ער איז אַזוי, ווי ער איז.

ער איז מיט אונז, ניט מיט איינצעלנע. מיט אונז אַלעמען. אונזער מיטגייער.

דר. חיים זשיטלאָווסקי

פון גאַנצן האַרצן באַגריס איך מיין פריינט און חבר, חיים שאַפּיראָ, צו זיין פופציק־יאָריקן יובילײ. איך ווינש אים נאָך פילע און פילע יאָרן פון פּראָדוקטיווער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, סיי אויפ'ן פעלד פון הילף פאַר ליידנדיקע יחידים, סאַי אין דעם דינסט פאַר יענע אידעאַלן, וואָס דאַרפן ברענגען די באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער, סאַי אין זיין איבער איבערגעגעבענער טרייקייט צו דער פולער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון אונזער אייגענעם אידישן פאָלק.

דר. חיים זשיטלאָווסקי.

---

ש. ניגער

## צום חיים שאַפּיראָ יובילײ קאָמיטעט

עס האָט מיך באמת געפרייט צו דערוויסן זיך פון אייער בריוו, אַז לאָס אַנדזשעלעס גרייט צו אַ יום־טוב לכבוד דעם פופציגסטן געבורטסטאָג פון אונזער פריינט חיים שאַפּיראָ — אַ פּערזאָן, וואָס פאַראייניגט אויף אַזאַ אומגעריכטן אופן די קונסט פון ריידן מיט דער קונסט פון טאָן.

מיר האָבן נישט קיין סך אַזוינע רעדנער, ווי דער יובילאַר; נאָך ווייניגער האָבן מיר שיינע רעדנער, וואָס זיינען צו גלייכער צייט אויך ענערגישע און איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער.

זאָל ער לאַנג לעבן און זאָל זיין ווייטערדיגע אַרבעט זיין אַזוי פרוכטבאַר ווי ביז אַהער!

מיט פריינטלעכסטן גרוס, אייער

ש. ניגער

**ב. וולאַדעק**

# צו חיים שאַפּיראָ'ס 50־יאָריקן יובילײ

אַ סך, אַ סך יאָרן זײַנען פאַרלאָפן, זינט איך האָב זיך געטראָפן מיט חיים שאַפּיראָ צום ערשטן מאָל, אין לאָס אַנדזשעלעס. די וועלט איז דאַן געווען אַ סך גרעסער און אַ סך שענער ווי היינט. אָבער לאָס אַנדזשעלעס איז דאַן געווען אַ סך קלענער און אַ סך מיאוס'ער. אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס מיר האָבן זיך געטראָפן און געוואָרן פרײַנט, קומט פופציק פּראָצענט פון חיים שאַפּיראָ. איך בין דאַן געווען אַן ערשט אַריבערגעקומענער בונדיסט פון רוסלאַנד און חיים שאַפּיראָ איז געווען אַ פּועל־ציון. דורך די אַלע יאָרן האָבן מיר זיך ביידע אויסגעגרינט און מיר האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז מיינונגס־פאַרשידנהייטן האָבן נישט און דאַרפן ניט האָבן קיין ווירקונג אויף פּערזענלעכע באַציאונגען. אָבער דאַן זײַנען מיר ביידע געווען ערשט אַרויס פון דעם קאַלך־אויוון פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און רעוואָלוציאָנערער אומטאָלעראַנץ. אַמווייניגסטענס בין איך עס געווען און איך שטעל מיך פאָר, אַז חיים שאַפּיראָ האָט געמוזט זײַן אויסערגעוויינלאַך טאַקטיש און צוריקגעהאַלטן נישט צו דערצאָרנען דעם בונדיסט אין מיר. פון יעמאָלט אָן האָב איך קיינמאָל נישט פאַרפעלט אים צו זען, ווען איך בין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס און ער איז איינער פון מיינע אַדרעסן אין אייער מערקווירדיגער שטאָט.

די איינציקע פאַרדריסלעכע זאַך איז, וואָס אונזער דור ווערט עלטער. מיט דעם מיין איך נישט צו זאָגן, חס ושלום, אַז צו זײַן פופציק יאָר מיינט זײַן אַלט. איך קען זאָגן חיים שאַפּיראָן, אַז איך בין אין דעם קלאַס שוין באַלד צוויי יאָר און דענק נישט אַז עס איז אַזוי שלעכט. אָבער אַ סאָרט אָנזאָג — אַ סאָרט „סאָמאָנס" איז עס טאַקע יאָ. און זייער אָפט פרעג איך זיך — ווער וועט אונז פאַרבײַטן ?

איך בין ווייניג באַקאַנט מיט חיים שאַפּיראָ'ס אַלגעמיינער טעטיקייט, אָבער זײַן אידישע טעטיקייט איז ברייט און אַלזייטיג און איז געבויט אי אויף אַ ברייטן פאַרשטאַנד פון אידישן לעבן, אי אויף אַ טיפער סימפּאַטיע מיט די נויטן און פּראָבלעמען פון די אידישע מאַסן. ער איז אַ הונדערט־פּראָצענטיקער איד אין גוטן זין פון וואָרט, און ווייל ער איז עס, איז קיין אידישע זאַך אים נישט פרעמד, איז קיין אידישע זאַך נישט צו קליין צו געווינען זײַן צייט און זײַן אַרבעט. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע און קאָנסטרוקטיווע ראָלע אין דעם קולטורעלן לעבן פון דעם וואַקסענדן אידישן ישוב אין לאָס אַנדזשעלעס און עס איז כמעט נישט מעגלאַך זיך פאָרצושטעלן די אידישע לאָס אַנדזשעלעס אָן חיים שאַפּיראָ.

צו זײַן פופציק יאָריקן געבורטסטאָג וויל איך אים ווינטשן צוויי זאַכן : ערשטנס — אַז ער זאָל נאָך האָבן מיט זײַן פאַמיליע אַ סך פולע, געזונטע און פּרוכטבאַרע יאָרן ; און צווייטנס — אַז ווען ער וועט פילן אַז ער האָט שוין זײַן חלק אָפּגעטאָן, זאָל ער נישט האָבן צו זאָרגן, ווער עס וועט איבערצוגעבן זײַן אַרבעט.



פּעשע שאַפּיראָ
חיים שאַפּיראָ'ס מוטער



באַפרייט פון טורמע —
פאָרט קיין אמעריקע



ביים גראַדואירן לאָיער און
אלס דעקלאַמאַטאָר

# באַגריסונג פון אַמ־אָפּטייל פון
# יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט

פופציק יאָר איז אַ וויכטיקע דאַטע אין מענטשנס לעבן. במשך פון דעם פּעריאָד קריסטאַליזירט זיך און בילדעט זיך אויס אַ באַשטימטע וועלט־אַנשויאונג מיט אַ קלאָרן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון מענטש און וועלט.

עס איז אַ גרויסע דערגרייכונג, וואָס נאָר יחידי סגולה זיינען זוכה דערצו, צו קענען וואַרפן אַ בליק אויף דער פאַרגאַנגענהייט און זיך דערמאָנען אָן דעם דורכגעגאַנגענעם וועג מיט צופרידנקייט.

דער בעל היובל איז פון די גאָר ווייניקע, וואָס האָט זיין פאַרגאַנגענהייט ניט איינגעצאַמט אין די ד' אַמות פון זיין פּריוואַטן לעבן, נאָר האָט געווידמעט זיין בעסטע צייט צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען בכלל און יידישע קולטור אינטערעסן בפרט.

דער נאָמען חיים שאַפּיראָ איז ענג פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס, בתוכם מיט דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. פאָרשטייער פון צישאָ, ייוואָ און אַנדערע, געפינען ביי חבר שאַפּיראָ אַלעמאָל אַ פריינדלעכע גאַסט־הויז און אַ סאָלידן אָנהאַלט פאַר זייער אַרבעט. מען ווייסט שוין, אַז יעדער אַקציע פאַר יידישע קולטור־צוועקן וועט האָבן זיין פולע האַרציקע קאָאָפּעראַציע.

דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט איז באַזונדערס צופרידן צו באַגריסן זיין חשובן מיטגליד חיים שאַפּיראָ פאַר זיין גרויסער ליבע און טיפער פאַרשטענדעניש, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן לגבי דעם ייוואָ און זיין אַרבעט. אַזעלכע מיטגלידער זיינען די זיילן, אויף וועלכע עס רוט די געביידע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

מיר שיקן דעם יובילאַר אונזערע האַרציקסטע ברכות און ווינטשונגען, ער זאָל מאַריך ימים זיין; זאָל זיין ווייטערדיקער וועג אין לעבן זיין ניט ווייניקער פּראָדוקטיוו לטובת דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט.

אַמעריקאַנער אָפּטייל פון

יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

# באַגריסונג פון אַמעריקאַנער „אָרט“ פעדעראַציע

**ט**ייערע פריינט!

מיר, די אַמעריקאַנער „אָרט“ פעדעראַציע, פאַראייניקן זיך צו דער גרויסער פרייד פון אייער יום־טוב, צו די יובל־פייערונגען פון דעם פופציקיאָריקן געבוירן־טאָג פון אונזער אַלעמענס פריינט, דעם פּאָרזיצער פון אונזער קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס, פריינט חיים שאַפּירא.

עס איז אַ וואונדערבאַרער, אָבער געוויס ניט קיין צופעליקער צונויפפאַל, וואָס דעם יובילײ פייערן אַזוי פיל אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן דאָ אין אַמעריקע.

אַ סאָציאַליסטיש־דענקענדיגער קולטור און כלל־טוער, ווי עס שרייבן מיט רעכט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם יובילײ, מוז איצט, אין דעם שווערן, נסיונות'פולן מאָמענט פון דעם אידישן מאַסנלעבן באַדינען אַ סך פראָנטן פון אונזערע קאַמפס־פּאָזיציעס.

טאָן די שליחות פון באַשאַפן די רפואה פאַר אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער צוריקגעשטאַנענקייט פאַלט אויף אַזאַ האַרמאָנישן אופן צונויף מיט דעם ביטערן קאַמף פאַר אונזער קולטור־שטייגערונג, פאַר אונזער גייסטיקער זעלבסט־אַנערקענונג, פאַר די רעכט פון אונזער שפּראַך און קולטור.

עס האָט דער היסטאָריש־אויסגעפּרופטער אינסטינקט מיט יאָרן צוריק דעם בעסערן טייל פון אונזער אינטעליגענץ אַריינגעלייגט דעם גליקלעכן רעיון פון באַשאַפן די גרויסע „אָרט“־באַוועגונג — די באַוועגונג פון איבערשיכטן, פון פּראָדוקטיוויזירן דעם עמק־הבכא פון אונזער מאַסנלעבן; געזונט מאַכן דאָס לעבן פון מיליאָנען אידן, וועמעס איצטיגע טראַגישע ווירקלעכקייט טרייבט מיט אַזעלכע בלוטיקע בייטשן צו ענדערן זייער לעבן, צו איבערגיין צו פּראָדוקטיווע אַרבעטס־פאָרמען פון לעבן.

דער גרויסער מאָראַלישער פּאַטאָס פאַר פרייהייט, ברויט, אַרבעט און קולטור, איז צונויפגעפאַלן באַלד ביים בראשית פון אונזער באַוועגונג, און איצט, מער ווי שטענדיג, מיט אונזער אינעווייניגסטן פּראָטעסט, סיי געגן אונזער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער רעכטלאָזיקייט, סיי געגן אונזער אייגענער פרוכטלאָזיקייט, אונזער אָפּגעריסנקייט פון די געזונטע אַרבעטס־קוואַלן.

דורך אונזער „אָרט“־אַרבעט גיסט זיך צונויף דער געזאַנג פון אונזערע

דערוואַכטע מוסקולן, מיט דער דערוואַכונג פון אונזערע געהירן, מיט דעם ליטערן ווילן צו זיין געזונטע און נאָרמאַל־שאַפנדיקע אידן־בירגער אויף דער גרויסער וועלט־טעריטאָריע, אויף וועלכער דער געשיכטלעכער גורל האָט זיי צושפּריים.

דאָס דערנענטערן זיך פון דער אינטעליגענץ צו אונזער אַרבעט איז אַ היסטאָרישע באַרעכטיקונג פאַר די נאַציאָנאַלע און סאָציאַל־פּאָליטישע פליכטן וועלכע זי, די אינטעליגענץ, דאַרף טראָגן לגבי די אידישע פאָלקס־מאַסן.

מיט זיין לעבן, מיט זייני יאָרן פון אַרבעט, האָט אונזער ליבער יובּיליאַר דאָ אין אַמעריקאַ, באַזונדערס אין לאָס־אַנדזשעלעס, רעאַבּיליטירט דעם אי־דישן פאָלקס־אינטעליגענט, וועלכער פאַרגעסט זיך זייער אָפט וואו זיין וועג איז און מיט וועמען זיין אָרט דאַרף זיין. ער האָט מיט זיין אַרבעט דעמאָנ־סטרירט, אַז טריי דער אידישער פאָלקס־מאַסע קען מען זיין נאָר מיט געזונטע, שעפערישע אַרבעטס־טאַטן, און אַז ביי אַ גוטן ווילן געפינט מען צייט צו לערנען, ווייזן און פירן דורך אמת׳ער פאָלקס־אַרבעט צו אַ בעסערן און שענערן מאָרגן.

פאַרמאָגט די אידישע אַמעריקאַ אין אונזער ליבן פריינט, חיים שאַפּיראָ, איינעם פון די, וואָס האָט דעם אידישן פאָלקסלעבן אַזוי געטריי געדינט, וועלכער איז נאָך איצט פול מיט גלויבן אין אירע באַפרייענדיקע און שעפע־רישע אידעאַלן.

ווינטשן מיר אים, זיין משפחה, פון גאַנצן הארצן אריכת־ימים, מוט און כח נאָך לאַנג צו שטיין אויף דער שיינער פאַזיציע, וועלכע ער האָט אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן אויסגעקליבן, און פון דאַנען אַרבעטן און קעמפן פאַר די ערלאַכע אידעאַלן פון אַן אַרבעטענדיקן סאָציאַל און נאַציאָנאַל באַפרייטן אידן, וועלכער זאָל באַרעכטיקן אונזערע האָפענונגען פאַר אַ שענערער און בעסערער צוקונפט פאַר די אידישע פאָלקסמאַסן פון גאָר דער וועלט.

אונזער יובּיליאַר, אַלע אונזערע פריינט, די האַרציקסטע באַגריסונג.

**אַמעריקאַנער „אָרט“ פעדעראַציע**

**פיליפּ בלאַק**, עקזעקוטיוו דירעקטאָר

## ד״ר נח מייזעל (ווילנע)

טייער חשובע פריינט !

שוין אין די ערשטע אייניקע טעג, נאָך דעם ווי איך בין געקומען אין לאַס אַנדזשעלעס, האָב איך זיך געקענט לייכט דערוויסן, אַז לאָס אַנדזשעלעסער יידישע דעמאָקראַטישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אַ צענטער; די פעדים פון אַלע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוועס און אויפטועז ציען זיך צו אים. דער צענטער הייסט חיים שאַפּיראָ.

אַז איך האָב זיך מיט אים גענטער באַקאַנט, האָב איך דערזען פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.

חיים שאַפּיראָ׳ס האַרץ רופט זיך אָפּ אויף יעדער אמת׳ער נויט, אויף יעדן רוף פאַראויס און העכער. עס איז אַן אינסטרומענט, וואָס קלינגט אין אוניסאָן מיט אַלע פאָדערונגען פון יושר, שיינקייט און דערהויבנקייט. חיים שאַפּיראָ שטעלט זיך פאַר זיי איין און פאַרמאָגט פאַר זיי די בעסטע טענער און ווערטער.

די יידישע נשמהדיקייט האָט זיך ביי חיים שאַפּיראָ פריער צענויפגעוועבט מיט די אידעאַליסטישע שטרעבונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער יוגנט און שפּעטער איינגעזאַפּט אין זיך די בעסטע טראַדיציעס פון אַמעריקאַנער ליבע צו פרייהייט.

גוט וואָס דער גורל האָט אים פאַרטראָגן אין לאָס אַנדזשעלעס ! אין דער זון פון קאַליפאָרניע אַנטוויקלען אַזעלכע מענטשן זייערע כוחות; אין דער היינטיקער קאַלטער אייראָפּע ווערן זיי צו־אָפּט צעטראָטן.

איך גלויב און איך האָף, אַז חיים שאַפּיראָן וועט באַשערט זיין נאָך אַרויסווייזן אַלע זיינע מעגלעכקייטן אין דער אַנדערער העלפט פון זיין לעבן.

ביי דער געלעגנהייט שיק איך מיין וואַרעמסטן גרוס צו חיים שאַפּיראָס לעבנסבאַגלייטערין, בתיה שאַפּיראָ. איז דאָס ניט אַ פאַרדינסט פון חיים שאַפּיראָ צו געפינען אַזאַ פריינט אין לעבן ?

ד״ר. נח מייזעל

ג. כאַנין

# באַגריסונג פון בילדונגס דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג

ליבער לעוויט:

דערהאַלטן אייער איינלאַדונג צום 50 יאָריקן יובילייאום פון חיים שאַפּיראָ. מיך פאַרדריסט זייער וואָס מיר זיינען דריי טויזנט מייל פון לאָס אַנדזשעלעס און איך וועל זיך ניט קענען באַטייליקן אין דעם יובילייאום פון אַ מענטשן, וועלכער האָט איבער 30 יאָר געדינט טריי און לאָיאַל דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג סיי אויף דעם זייט און סיי אויף יענעם זייט ים.

חיים שאַפּיראָ איז צוגעטראָטן צו דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג ניט צוליב דעם, וואָס אים האָט זיך געלעבט שווער אין שאַפּ. אים האָט געבראַכט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַ געפיל אַ מאָראַלישער, אַ געפיל אַן עטישער. אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז געווען דיקטירט פון די אויבנדערמאָנטע מאָטיוון.

גריסט אים אין מיין נאָמען צו זיין 50 יאָריקן יובילייאום, און זאָגט אים, אַז איך ווינטש אים לאַנגע יאָרן און וויטערדיקע טעטיקייט אין דער אַרבעטער באַוועגונג.

מיט פריינדליכן גרוס, אייער

**ג. כאַנין**, בילדונגס דירעקטאָר פון אַ. ר.

---

# סענטראַל דזשואיש קאַמיטע

די סענטראַל דזשואיש קאַמיטע פאַרצייכנט מיט ליבע און אַכטונג דעם 50־יעריקן יובילעאום פון איר פריינט און לייטענדן גייסט—חיים שאַפּיראָ.

אין דער גרויסער אַרבעט, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען און וועלכע די סענטראַל דזשואיש קאַמיטע זעצט פאָר, געפינען מיר אימער זיין הארציקע הילף און אינספּיראַציע. דעריבער איז היינטיקער יום־טוב באַזונדערס אונזער יום־טוב. זיי געגרוסט, טייערער חבר.

מיט גרויס דרך־ארץ

**סענטראַל דזשואיש קאַמיטע**

**וויליאַם אייזענבערג, פּרעזידענט.**

י. לעוויט

# באַגריסונג פון אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע צו זיין מיטגליד חיים שאַפּיראָ

ביי דער לעצטער סטייט־קאָנפערענץ פון אַרבעטער רינג, וועלכע איז געהאַלטן געוואָרן דעם פערטן און פינפטן סעפּטעמבער אין דער שטאָט פרעז־נאָ, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו באַגריסן חיים שאַפּיראָ — איינעם פון די ערשטע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג אין לאָס אַנדזשעלעס, און איינעם, וואָס האָט מיט וואָרט און מיט אַרבעט געהאָלפן דעם אַרבעטער רינג וואַקסן, גרוים און איינפלוסרייך ווערן — צו דער פייע־רונג פון זיין פופציקסטן געבורטסטאָג.

די סאַוטהערן קאַליפאָרניע דיסטריקט קאָמיטע האָט אויך באַשלאָסן איינשטימיג צו באַטייליקן זיך אין דער פייערונג און צו באַגריסן דעם יובי־ליאַר אין נאָמען פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט, אין דעם יובליי־בוך, וואָס די אַראַנדזשמענט קאָמיטע גיט אַרויס לכבוד דער געלעגנהייט.

מיר זיינען, נאַטירליך, זייער שטאָלץ צו האָבן חיים שאַפּיראָ אַלס אונ־זער מיטגליד, ווייל ער פאַרטרעט, סיי אַלס פערזאָן און סיי מיט זיין טעטי־קייט, די אידעאַלן און פּרינציפּן פון אַרבעטער רינג, אויף יעדן געביט פון אַרבעטער רינג טעטיקייט.

חיים שאַפּיראָ דינט מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער באַוועגונג, פּאָליטיש און אינדוסטריעל. ער איז אימער גרייט די דאָזיקע אינטערעסן צו פאַרטיידיקן אַקטועל.

חיים שאַפּיראָ איז אַ טייל פון די אידישע פאָלקסמאַסן און ער פילט זיך פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט די מאַסן אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף, סיי אויפ'ן געביט פון שפּראַך און סיי אויפ'ן געביט פון געגנזייטיקער הילף.

חיים שאַפּיראָ שטרעבט אַריינצוברענגען איינקייט און פריינדשאַפט אין די רייען פון דער אַרבעטער באַוועגונג און אין די רייען פון די אידישע פאָלקסמאַסן.

און חיים שאַפּיראָ איז אַ סאָציאַליסט, וועלכער שטרעבט און אַרבעט קעגן דער הייגטיקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכע איז געבויט אויף עקספּלואַטאַציע, אונטערדריקונג, האַס און מלחמה — פאַר אַ סיסטעם פון

גלייכהייט, פרייהייט און ברידערליכקייט—פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג.

די אַלע אויסגערעכנטע פּונקטן, וועלכע גייען אריין אין לעבנס פּראָגראַם פון חיים שאַפּירא, זיינען אויך אין דער פּראָגראַם פון ארבעטער רינג און זיי־נע מיטגלידער.

חיים שאַפּירא, אַלס מיטגליד, און דער ארבעטער רינג אַלס אָרגאַניזאַ־ציע, זיינען איינס. ניטאָ צווישן זיי קיין צוטיילונג, דעריבער פילן מיר זיך זייער נאָענטע מחותנים אויף זיין שמחה.

אונזער וואונש — דער וואונש פון די פילע מיטגלידער צו חיים שאַפּירא איז אַ וואונש פון פריינדשאַפט, אַ וואונש פון אַ לאַנג און ניצלאַך לעבן; אַ וואונש פון אַ לעבן פון קאַמף פון ליכטיקייט געגן פינצטערניש; פון פריי־הייט געגן שקלאַפעריי, און פון דעמאָקראַטיע געגן דיקטאַטור.

פאַר אונזערע געמיינזאַמע אידעאַלן האָפן מיר פאָרצוזעצן די ארבעט צוזאַמען, ביז די פרייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט באַזיגן די אינדי־ווידואַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג.

מיט די הארציקסטע גרוסן אינ'ם נאָמען פון אונזער גרויסער מיטגלידער־שאַפט —

**סאַוטערן קאַליפאָרניע דיסטריקט קאַמיטע אַרבעטער רינג**

**י. לעוויט, טשערמאַן**

---

**מאָריס מאָסקאָוויטש**

**מיין הארציקער פריינט חיים!**

דערלויבט מיר צו זאָגן אַט די עטלאַכע ווערטער צו אייער פופציק יאָריקן יובילעאום:

עטוואָס גוטעס איז פאַראַן אין יעדן מענשן, אָבער אַזוי פיל גוטעס זאָל זיך אריינכאַפּן אין איין מענשן — איז אַ זעלטענהייט.

איר האָט אַ גוטן קאָפּ, אַ גאָלדענע הארץ, אַ ליכטיקע געשטאַלט; און איך ווינש אייך, אַז אין די נעקסטע פופציק יאָר פון אייער לעבן זאָלט איר באַלוינט ווערן פאַר אַלדאָס־גוטס, וואָס איר האָט געטאָן — ווי איר האָט עס כשר פאַרדינט.

דאָס ווינשט אייך פון סאַמע טיפן הארצן אייער פריינט

מאָריס מאָסקאָוויטש און זיין פאַמיליע

זלמן רייזין (ווילנע)

# צום חיים שאַפּיראָ יובל־קאָמיטעט

לאָס אַנדזשעלעס

טייערע פריינט!

עס איז פאַר מיר אַן אַנגענעמער חוב צו באַטייליקן זיך אויך דורך מיין פּערזענלעכער באַגריסונג אין דער גרויסער שמחה פון דער אידישער אינטע־ליגענץ אין דער „מלאָכים־שטאָט“ לכבוד איר ווירדיקן חיים שאַפּיראָ.

עס זיינען מיר נאָך פריש אין זיכרון די שעה'ן, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין דער סביבה פון דעם געפייערטן פריינט. מיט זיין ליבליכער גאַסטפריינדלעכקייט און חברישקייט האָט ער מיר געמאַכט היימיש און נאָענט די פאַר מיר נייע און ווייטע שטאָט. עס דערמאָנט זיך, אַזוי ווי היינט וואָלט עס געווען, דער איידעלער פּאַטאָס פון זיין רעדע אַלס פּאָרזיצער אויף מיין באַנקעט אין לאָס אַנדזשעלעס אין יאָר 1930 — אַ רעדע, וואָס האָט דערהויבן און געמוטיקט.

איך וויל זיך דערלויבן אַ פּלאַגיאַט, און ווי — אים צו לאַנגע יאָר— ר' מרדכילע (חיים טשעמערינסקי) צו ד"ר חיים זשיטלאָווסקי'ס יובל, רוף איך אוים איבער אָקעאַן און קאָנטינענטן לכבוד דעם בעל־יובל חיים שאַפּיראָ:

— לחיים, ר' חיים! ליובל כפלים!

זלמן רייזין.

---

# די אינדעפּענדענט לידים סיק בענעפיט און פרי לאָאַן סאָסייטי

ליבער פריינט חיים שאַפּיראָ:

מיר באַגריסן אייך האַרציק צו אייער יום טוב. מיר ווינשן אייך מערערע יאָרן פון פרוכטבאַרער טעטיקייט פאַר אונז און אונזער אידישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

**דאָראַ ס. בוטאָוו, פינאַנץ־סעקרעטאַר.**



ישראל שאַפּיראָ
חיים שאַפּיראָ'ס פאָטער



קיילע שאַפּיראָ-אַנשען
איינציקע שוועסטער פון חיים שאַפּיראַ



אַהרן שאַפּיראָ ע"ה
דער ברודער פון חיים שאַפּיראָ.

**א. מאַגיד**

# חיים שאַפּיראָ מיט 28 יאָר צוריק

מיט 28 יאָר צוריק איז לאָס אַנדזשעלעס געווען גאָרניט קיין גרויסע שטאָט. מיר האָבן דאַן געהאַט פּילע פּאַלמען־בוימער, אָבער גאָר ווייניק אידן. און די אידן וואָס זיינען יאָ געווען, האָבן געוואוינט צעוואָרפן. אין דער איצטיקער אידישער באָיל־הייטס האָבן דאַן זיך געפונען אפשר וועלכע פינף אידישע פאַמיליעס.

ביי יענער צייט האָב איך איינמאָל באַקומען אַן איינלאַדונג פון איינעם אַ מר. פראַזין, צו קומען אין אַ פּריוואַט אָונט צו אַ מיטינג פון אַ אידיש־ליטעראַרישן פאַראיין. זיכער בין איך געוואָרן נייגעריק און געגאַנגען צום מיטינג.

געקומען בין איך אין בורבענק האָל אויף מעין סטריט און געפונען אין אַ קליינעם טונקל־באַלויכטענעם צימער אַ מנין מענשן. דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַ שווערער, אַן אומעטיקער. אָבער באַלד נאָכדעם ווי דער מיטינג איז אָנגעפאַנגען געוואָרן און נאָכדעם ווי מ'איז צוגעטראָטן צו דער ליטעראַרישער טייל פון דער פּראָגראַם, האָט זיך די שטימונג אינגאַנצן געענדערט. וואָס האָט פּאַסירט?

דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט אַ יונגן שלאַנקן בחור'ל מיט אַ קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע, געקרייזלטע האָר און מיט גרויסע אויסדרוקספולע אויגן, און מיט אַ ברייטן, אויסגעפלאַכטענעם — ווי מיר האָבן דאַן אָנגערופן — פּאָעטישן קראַוואַט, אַלס פאָרלעזער.

דער פאָרלעזער האָט געלעזן פאָלקסטימלעכע געשיכטן פון פּרץ'ן, דעקלאַמירט פון דוד פּינסקי'ן און פון אַנדערע אידישע שריפטשטעלער. פאָרגעלעזן האָט ער גוט. זיין אידיש איז געווען אַ זאַפטיקער, און די אויסשפּראַך אַ קלאָרע, און אַלע זיינען געווען באַגייסטערט. דער קליינער, טונקעלער צימערל איז גאָר גרעסער און ליכטיקער געוואָרן. עס איז געווען אַן אמת גייסטרייכער אָונט. דער פאָרלעזער איז געווען אונזער יובילאַר—חיים שאַפּיראָ.

אַכט־און־צוואַנציק יאָר זיינען פאַרביי. אָט זע איך חיים'ען ביי אַ פרוכט־סטענדל אויף היל סטריט, און אָט דערמאָן איך זיך אָן דער ערשטער קאַרטל פון חיים'ען אַלס לאָיער; אָט זע איך אים אין עליזשאַן פּאַרק, וואו

חיים פאַרמעסט זיך אין לויפעניש מיט אַ יונגער, אַקאַרשט אָנגעקומענער, שיינער, יונגער מיידל פון רוסלאַנד, און טראַכט בשעת מעשה אַז עפּעס וועט שוין אַרויסקומען פון זייער לויפעניש און כאַפּעניש. און כך הוה: אַ קורצע ווײַלע שפּעטער דערוויסן מיר זיך — אַז חיים האָט באַשקען גענומען.

אַט זיצן מיר אויך צוזאַמען מיט חיים שאַפּיראָ אין אַ קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג וועגן איבערבערענגען קיין לאָס אַנדזשעלעס אַ באַוואוסטן לעקטאָר און מיר ברעכן זיך די קאָפּ, ווי אַזוי מיר וועלן קענען שאַפן די געלט, וואָס עס וועט זיין דערמיט פאַרבונדן. דער לעקטאָר ווערט געבראַכט, און דאָס געלט ווערט געשאַפן.

צוזאַמען אַרבעטן מיר אין „פּיפּלס רעליף," סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, אין סאַניטאַריום און אין פילע אַנדערע אידישע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס.

זאָלן אַנדערע געבן אָפּשאַצונגען איבער חיים'ס אַלזייטיקע טעטיקייטן און זיין ביישטייער צו די אַלע קולטורעלע, סאָציאַלע און רעליף אַרבעטן. פאַר מיר איז חיים נאָך אַלץ יענער יונגערמאַן, דער פאַרלעזער, וואָס באַגייסטערט מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט. און אין דער אמת'ן ווערן מיר דען היינט ניט אַזוי באַגייסטערט פון זיינער אַ רעדע אָדער אַפּיעל, ווי אַמאָל? ניט זייער פיל פון אונזעריקע קענען זיך דערמיט באַרימען. ער רופט נאָך אַלץ דעם איינצעלנעם און דעם כלל צו קעמפן און צו אַרבעטן פאַר אַ שענערער און בעסערער וועלט און איז אימער גרייט צו פאַרטיידיקן אַלע אונטערדריקטע און באַליידיקטע. עס איז באמת אַ פריידי צו זען, דאָס דער פופציק־יעריקער יובילאַר האָט געביטן פאַר דער גאַנצער צייט בלויז זיין אַמאָליקן „פּאָעטישן קראַוואַט." ווייטער האָט ער אָנגעהאַלטן די זעלבע יוגנטלעכקייט פון אַמאָל.

איך ווינש יענעם פאַרלעזער פון 28 יאָר צוריק און היינטיקן יוגנטלעכן פופציק־יאָריקן יובילאַר, לאַנגע, געזונטע און פרוכטבאַרע יאָרן. זאָל ער ווייטער טראָגן דאָס שענערע און בעסערע אין אונזער לעבן. אין די שווערע יאָרן פאַר אונזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענשהייט בכלל, נויטיקן מיר זיך אין אַזעלכע מענשן.

זייט געגריסט, ליבער חבר, חיים שאַפּיראָ! אייער,

**א. מאַגיד**

פ. קאַרל

# חיים שאַפּיראָ דער שיין־רעדנער און פּריידיקער

צו דער געלעגנהייט פון חיים שאַפּיראָ'ס יובילייע וועלן געווים זיינע אַלטע פריינט שרייבן אַביסל זכרונות. וויל איך אויך זיין איינער פון זיי.

איך בין איינער פון די, וואָס האָבן זיך באַגעגנט מיט'ן יובילאַר, אַרום דרייסיק יאָר צוריק אין לאָס אַנדזשעלעס, באַלד נאָך זיין קומען אַהער.

איך האָב דאַן געהאַט אַ קליין סטאָרקע אויף צווייטע סטריט אין שכנות מיט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער אַהרן'ס אַ סטאָר. פאַרבייגייענדיג די ברידער'ס סטאָר האָב איך אימער געזען אַ יונגן מאַן, אַ בלייכן, אַ דאַרן, מיט אַ קאָפּ קוטשעראַווע האָר, זיצנדיג אין סטאָר און לעזנדיג ביכער. זיין אויסזען האָט געמאַכט אַן איינדרוק און אויך זיין נאָמען „חיים" האָט באַווירקט. וואָרים ווער פון אונז האָט עס ניט געביטן דעם היימישן נאָמען אויף אַן אַמעריקאַנעם? און עס איז געווען אַזאַ זעלטנהייט צו זען פאַר זיך אַן אינטעליגענטן יונגנמאַן, וואָס לעזט ענגלישע ביכער און רופט זיך „חיים."

דעם ריכטיקן חיים שאַפּיראָ האָב איך אָבער באַגעגנט ערשט מיט צען יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און פון די שרעקלאַכע פּאָגראָמען אין אוקראַאינע, באַלד נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן גענומען די מאַכט און די קאָנטער־רעוואָלוציע האָט אויסגעלאָזן איר בלוטיקן כעס אויף די אידן.

אַ גרויסער מיטינג איז אין לאָס אַנדזשעלעס אָפּגעהאַלטן געוואָרן צו פּראָטעסטירן קעגן די פּאָגראָמען און צו זאַמלען געלט פאַר דער „פּיפּלס רעליף קאָמיטע", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן צו קומען מיט באַלדיקע הילף צו די פּאָגראָמירטע אידן. און חיים שאַפּיראָ'ס רעדע ביי יענעם מיטינג איז נאָך איצט שווער צו פאַרגעסן.

ווי באַוואוּסט, האָב איך אין מיינע יונגע יאָרן געהאַט דאָס גליק אַריינ־געצויגן צו ווערן אין אַ העכסט אידעאַליסטישע באַוועגונג. אַ באַוועגונג וואָס האָט געפּריידיקט די אָפּשאַפונג פון אַלעם וואָס איז שלעכט אויף דער וועלט. טשאַריטי און פּראָטעסטן האָט צו מיר זייער ווייניק אַפּעלירט. איך האָב אויפריכטיק געדענקט, אַז אַזוי שנעל ווי די אָרדנונג פון שלעכטס און פון אונטערדריקונג וועט אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן במילא די מענשן ווערן בעסער און עס וועט מער ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר אָרעמקייט און אויך ניט פאַר

פּאָגראָמען. איך האָב געדענקט, אַז אַלעס וואָס מיר דאַרפֿן טאָן איז קעמפֿן קעגן דער היינטיקער סיסטעם, וווייטער זיינען אַלע אַנדערע מיטלען נאָר ווי לייגן לאַטעס אויפֿ'ן אַלטן צוריסענעם בגד. אָבער אַ פֿריינט מיינער האָט מיר צום מיטינג געבראַכט און ווען איך האָב געהערט חיים'ען ריידן איבער דער טראַגעדיע פֿון אונזער פֿאָלק, האָט ער מיט זיין ריידן ביי מיר אַרויסגערופֿן טרערן. גלייך מיט אַלע האָב איך געוויינט אויף די צרות פֿון אונזער פֿאָלק און פּראָטעסטירט געגן די אכזריות'ן וואָס די פּאָגראָמשציקעס באַגייען געגען אונז.

מיין מיינונג האָט זיך פֿיל געענדערט נאָך יענעם מיטינג. חיים שאַפּיראָ האָט זיך מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. ער האָט גערעדט ווי אַ נביא און געבעטן ווי אַ בעל־תפילה. ער האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אויף אַלעמען, ניט נאָר אויף מיר אַליין. ער האָט מיר איבערציייגט און איך האָב זינט דאַן אָנגעפֿאַנגען צו זען זאַכן מיט אַנדערע אויגן.

זינט יענער צייט האָב איך פֿיל מאָל געהערט חיים'ען. ספּעציעל האָב איך אים געהערט בעת דער אַרבעט אַרום דעם סאַנאַטאַריום פֿאַר טובערקולאָזע און ביי אַנדערע כלל־אַרבעט. אייערע רעדעס זיינען נאָך אַלץ באַגייסטערענדע און אויפֿקלערענדע, חיים.

צו דער פֿייערונג פֿון אייער פֿופֿציקסטן געבורטסטאָג ווינש איך אייך, איר זאָלט אָנהאַלטן אייער גוטע אַרבעט און אין דער צוקונפֿט זיך נאָר מער פֿאַרטיפֿן אין אייער וויסן און אייער דענקען, אַזוי, אַז אייערע צוהערער זאָלן קענען נאָך מער לערנען און געניסן פֿון אייערע רעדעס איבער די אידעאַלן, וועלכע איר פּריידיקט.

פֿאַרגעסט קיינמאָל ניט, ליבער חיים, דאָס איר האָט די פּריווילעגיע צו באַזיצן אַ זעלטענע מתנה. דאָס איז, די קונסט פֿון ריידן און אַדרעסירן גרויסע מאַסן מענשן. זייער ווייניק באַזיצן דעם דאָזיקן טאַלאַנט. זייט איר דעריבער שולדיק אונז אַ חוב — אונז וווייטער צו לערנען און צו באַגייסטערן.

איך שליס זיך אָן אָן די אַלע אייערע צאָלרייכע גוטע פֿריינט און ווינש אייך, חיים, איר זאָלט לאַנג לעבן און זיין געזונט און אָנהאַלטן אייער שיינעם און נוצלאַכן לעבן. האַלט אויך אָן, גוטער פֿריינט, צו פּריידיקן גלייכהייט און פֿריינדשאַפֿט צווישן אַלע מענשן. איך ווינש אויך פֿון טיפֿסטן האַרצן צו קענען דערלעבן צוזאַמען מיט אייך די פֿייערונג פֿון אייער 75־טן געבורטסטאָג.

מיט מיינע בעסטע ברכות צו אייך און אייער ליבער פֿרוי און פֿאַמיליע,

אייער,

פּ. קאַרל.

**י. ש. נאַומאָוו**

# די ברכה פון קאָנצענטראַציע

אין משך פון העכער פינף־און־צוואַנציק יאָר קען איך דעם בעל־היובל. די שטאָט לאָס אַנדזשעלעס איז, לויט דעם אידישן אינהאַלט, אין יענער צייט געווען אין דער בחינה פון אַן אָרגאַניזירטער קליין שטעטל. ביי מיין אָנקומען אין שטאָט האָבן זיך געפונען אַ קליינע צאָל תושבים, וואָס האָבן געחלומט פון אַ קולטורעל אידישן, פרייהייטליכן רענעסאַנס. דאָס זיינען געווען נאַציאָ־נאַל געשטימטע מענשן, דורכגעדרונגען מיט סאָציאַליסטישע שטרעבונגען. צווישן די געציילטע מענשן האָבן זיך געפונען: גלות־נאַציאָנאַליסטן פון׳ם בונדישן טיפ, נאַציאָנאַל־געשטימטע אַנאַרכיסטן און פועלי־ציון. פון די אַלע דערמאָנטע גרופירונגען האָט קיין איינע ניט געקענט שאַפן אַן אָפּגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע. ניט נאָר האָט געפעלט צו אַ מנין, אפילו אַ האַלבן מנין איז געווען שווער צוזאַמענצובריינגען. די שעה האָט געפאָדערט אַ „פאַראייניקטן פראָנט“— אַזאַ פראָנט איז געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרקערפערונג פון דעם דאַמאָלסדיקן „ראַדיקאַל נאַציאָנאַלן קלוב.“

עס מוז דאָ באַטאָנט ווערן, אַז דער „פאַראייניקטער פראָנט“ איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן דורך די דירעקטיוון און דעם דרוק פון אַ געוויסער פאַרטיי, ס׳איז געווען דער פרייוויליקער און דער אידעאַלער, אמת׳ער שטרעבן צו אַ שענער קולטורעלן אויסלעבן זיך מצד די יחידים פון די אויסגערעכנטע שאַטירונגען. קיין צוואַנג פון אַן אויסער־ליכן כח — ס׳איז געווען דער אייגענער ווילן, דער פרייהייטליכער־בחירה דרוק מצד דעם אידיש נאַציאָנאַל געשטימטן סאָציאַליסט, דער געזונטער אינסטינקט פון זעלבסט דערהאַלטונג.

דער יובילאַר, חיים שאַפּירא, איז געווען איינער פון יענער גרופּע. און ביי דער געלעגנהייט פון דער שמחה, וואו די מעשים פון דעם יובילאַר וועט פאַרצייכנט ווערן, דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז חיים שאַפּירא און דער שרייבער פון די ציילן זיינען געווען אינסטרומענטאַל אין דער פעטיציע פאַר דעם אַריינגעמען אידישע און העברייאישע ביכער אין דער פּובליק לייברערי פון לאָס אַנדזשעלעס. ס׳איז אויך געווען אינ׳ם שרייבער׳ס הויז, וואו דער פּלאַן צו גרינדן די ערשטע „ראַדיקאַל נאַציאָנאַלע אידישע שולע“ איז גע־מאַכט געוואָרן, און וועלכן דער יובילאַר, חיים שאַפּירא, האָט גענומען אַ וואָ־גיקן אָנטייל. אַ דאַנק אונזער דאַמאָלסט פרייוויליק־פאַראייניקטן

פראַנט איז געשאַפן געוואָרן דער נוקלעאוס פון דער שולדנעץ דאָ אין שטאָט פון די פאַרשידענע ריכטונגען.

דער יובילאַר האָט א סך פאַרדינסטן, וועלכע מוזן אינ'ם גרויסן סך־הכל פון זיין אָפּגעטאָנענער ארבעט אונטערשטראָכן ווערן און אוועקגעשטעלט ווערן צו זיין קרעדיט. איינע פון זיינע קרעדיטפּולע טהאָטן איז די אונערמיד־לעכע ארבעט פאַר'ן סאַניטאַריום, וואו ער איז יאָרנלאַנג געווען פּרעזידענט.

דורך דער לאַנגער צייט וואָס מירביידע קענען זיך, אינ'ם לויף פון א גאַנצן דור, זיינען געווען מאָמענטן, וואָס דער חשובער יובילאַר און איך זיינען געשטאַנען אין גאָר נאָענטע באַציאונגען און ענגער מיטאַרבעטער־שאַפט, ווי א שטייגער צו דעם אויפקום פון דעם ערשטן אידיש־אַמעריקאַנעם קאָנגרעס און אין פילע אַנדערע נוצלעכע ארבעטן. עס זיינען אָבער אויך געווען צייטן, וואָס מיר האָבן זיך אביסל אָפּגערוקט, און ניט איין מאָל אויך אויף א גרויסן מהלך. איך ווייס ניט צי עס איז אָם פּלאַץ צו מאַכן א חשבון הנפש — מיר דוכט אָבער ,אַז די שולד ליגט אינ'ם יובילאַר אליין. די שולד ליגט אין אונזער ליבן יובילאַר'ס צוואָרפנקייט, זיין ווילן צופרידנשטעלן די גאַנצע וועלט.

אינ'ם יובילאַר געפינען זיך צוויי אָדער עטלעכע נשמות: אויפברויזנ־דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט; די נשמה פון א בעל־דין, וואָס האַסט פּשרות און פאַרטראָגט ניט קיין עוולות, און יענע נשמה, וועלכע איז ווייך און מאַכט פּשרות אָן א סוף; די נשמה פון אויפברויז און רעוואָלט און די פון הכנעה און סופּער־עטישער נאָכגעביקייט.

---

# די דזשואיש ליידים העלפּ קלוב

שליסט זיך זיך אָן צוזאַמען מיט די גרויסע יחידים און פילע אָרגאַניזאַציעס און באַגריסן אונזער אַלעמענס פריינט און חבר חיים שאַפּירא צו זיין 50 יאָריקן געבורטס יובילעאום.

אונזער ארבעט באַשטייט אין העלפן די נויטבאַדערפטיקע און ליידענדע אידישע פאַמיליעס, און מיר גייען אָן מיט אונזער ארבעט פון דעם טאָג אָן ווען איר, פריינט שאַפּירא, האָט פאַר אונז געקראָגן אונזער טשאַרטער.

זאָל אייער צוקונפט זיין אזוי שיין און נאָבל, ווי אייער פאַרגאַנגענהייט.

מיט אכטונג,

**מרס פּאָלין בעלאָפסקי, פּרעזידענט**
**מרס. טאָבעק, פּראָטאָקאָל סעקר.**

# לאָס אַנגעלעסער קולטור קלוב

צו דער געלעגנהייט פון דעם 50 יאָריקן יובל פון אונזער אַלעמענס באַ־ליבטן, כסדר אַקטיוון, איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, חיים שאַפּי־ראָ, שיקן מיר אַ האַרציקע באַגריסונג. דער ל. אַ. אידישער קולטור קלוב פילט זיך באמת שטאָלץ, וואָס אונזער חשובער יובילאַר איז אַ מיטגליד אין אונזער קלוב. מיר ווייסן אַז ער מאַכט זיך אויך זייער נוצלאַך אין אַ סך אַנ־דערע וויכטיקע אַרבעטן און אינסטיטוציעס, וועלכע זענען פון אַ גרויסן און בּאַרנדיקן ווערט פאַר אונזער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

חיים שאַפּיראָ איז דאָ אין שטאַט אַ לאַנג־יאָריקער תושב, איינער פון די ערשטע אידישע פּראָגרעסיווע איינוואַנדערער אין דער זוניקער קאַליפאָרניע, כמעט אַ פּיאָנער דאָ געווען אויף דעם ראַדיקאַל־פּראָגרעסיוון געביט. דאָס אידיש לעבן דאַן איז דאָ געווען אָרעם, פּאַרוואָרלאָזט, אָן אַ סימן פון אַ אידישע עפנטלאַכע מיינונג. צו חיים'ען קען מען צושרייבן גאָר אַ סך פאַר־דינסטן, פאַר העלפן אַנטוויקלען און דערהויבן אונזער אידישע ל. אַ. צו דער חשיבות און מדרגה פון אַן אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן אידישן צענטער פון דעם ווייטן מערב.

חיים האָט אַ סך צוגעטראָגן צו דער דערהויבונג פון דעם קולטור־מצב פון די אידישע פאָלקס־מאַסן דאָ אין שטאַט, און ס'איז כמעט ניטאָ קיין איין וויכטיקע אינסטיטוציע אָדער געזעלשאַפטלעכע אַקציע, אין וועלכע אונ־זער חשוב'ער יובילאַר זאָל ניט צוטראָגן זיין הילף, דורך וואָרט און טהאַט, און דערמוטיקן און באַגייסטערן אויך אַנדערע, צו העלפן און אַרבעטן פאַר די אידעאַלן פון אונזער נאַציאָנאַלן פּראָגרעסיוון אידישן לעבן.

אָרעם איז אונזער פּראָווינץ אין ענערגישע אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע כוחות, און יעדער איינער, וואָס טראָגט עטוואָס צו אונזער אידישן קולטור־בנין איז ווערט געאַכטעט און באַגריסט צו ווערן; באַזונדערס אַזאַ איינער, ווי אונזער חיים, וועלכער שטייט דאָ אין ל. אַ. מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט ביי דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, כסדר ענערגיש, אומערמידלאַך, מיט אַ וואַכזאַם אויג מיט אַ פילנדיק האַרץ, מיט אַ פיינער וויזיע פאַר אַלץ וואָס איז שיין און איידל, נאָבל און דערהויבן אין אונזער לעבן.

אינ'ם נאָמען פון דעם ל. אַ. אידישן קולטור קלוב און אין מיין אייגענעם נאָמען שיק איך אונזער ליבן האַרציקן חיים'ען אַ האַרציקע באַגריסונג און מיר ווינטשן אים, אַז זיינע קומענדיקע 50 יאָר זאָלן זיין ניט ווייניקער אינ־טערעסאַנט, פאַרבנרייך, ענערגיש און קעמפעריש ווי זיין פאַרגאַנגענער האַלב־יאָרהונדערט.

מיט חברשן און קולטור גרוס:

**י. פרידלאַנד, פּרעזידענט.**

ל. בלאַנק

# חיים שאַפּיראָ — דער סימבאָל פון אייניקייט

צו דערגרייכן די קיילעכדיקע צאָל פון פינף צענדליק יאָר איז אפשר אויך אַן אויפטו אין דער היינטיקער צייט. אָבער דערגרייכן די פופציקער און נאָך אַלץ זיין דער צענטראַל־פּונקט אין אַ אידישער געמיינדע פון 7 אָדער 8 צענדליק טויזנט אידן, דאַרף מען באמת זיין אַ — חיים שאַפּיראָ!

אונזער ליב־האַרציקער חיים איז באַליבט ביי אַלע אידישע שיכטן נאָר דערפאַר, ווייל יעדע אידישע ריכטונג האָט געפונען אַ וואַרעם ווינקל אין זיין האַרץ, וואָס שטרעבט צו אייניקייט אין אידישן לעבן.

ס'איז, גלויב איך, ניט קיין צופאַל וואָס חיים שאַפּיראָ איז דער פּרעזידענט פון דער פאַראייניקטער אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ. דאָ איז ער אַרומגערינגלט מיט ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסן פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען; דאָ באַהעפט זיך זיין נשמה מיט פאָלקס־מענטשן, פאַר וועלכע ער האָט אַלע זיינע יאָרן אויפריכטיק געקעמפט; דאָ שטייט ער אין דירעקטן קאַמף פאַר אייניקייט אין אידישן לעבן, וואָס איז שטענדיק געווען — און איז — זיין לעבנס־אידעאַל, און דאָ שטייט ער אין קאַמף קעגן נאַצי־פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַ קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אַלע אידן, אָן אויסנאַם.

אין נאָמען פון די צענדליקער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסן אין דער פאַראייניקטער אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ, און אין מיין אייגענעם נאָמען, ווינטש איך אונזער אַלעמענס אויפריכטיקן חבר חיים שאַפּיראָ אַ געזונטע עלטער צוזאַמען מיט זיין ליבער פאַמיליע. זאָל ער דערלעבן צו זען דעם אונטערגאַנג פון נאַצי־פאַשיזם, דעם אונטערגאַנג פון קאָרופּציע און עקספּלואַטאַציע, און זאָל ער דערלעבן צו זען אַ פאַראייניקט אידנטום אין אַ באַפרייטער וועלט פאַר אַלע מענטשן־קינדער.

**לעאָן בלאַנק,**

דירעקטאָר פון דער „זיד קאַליפאָרניע

פאַראייניקטע אַנטי־נאַצי קאָנפערענץ.“



ביים לאנדן אין עלים איילאנד מיט'ן יונגערן ברודערל
אבראמטשיק אין צענטער.



אין קארקאווער טורמע ביים פענסטער,
אין דעצעמבער, 1905



חיים שאפירא (לינקס) מיט זיין ברו־
דער אבראם, זיין מוטער און דעם פאר־
שטארבענעם ברודער אהרן שאפירא.

פ. ריסקין

# דער אַפּאָסטאַל פון שיינקייט

וואָס לאָזט אונז הערן חיים שאַפּיראָ?

פאַרוואָס איז ער באַליבט ביים אידישן עולם?

אין וואָס באַשטייט זיין אייגנאַרטיקייט?

יעדער מענש פאַרמאָגט זיין אינדיווידועלן גרונד־טאָן אָדער לייט־מאָטיוו, וואָס אונטערשיידט אים פון אַנדערע.

נאָר ביי דעם דורכשניט־מענש זענען זיינע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן ניט אַזוי בולט מען זאָל גרינג קענען מערקן זיין אידישקייט.

דאָך איז יעדער מענש, מיט זיין באַזונדער פיזישער און גייסטיקער פיזיאָנאָמיע, אַ וועלט פאַר זיך. עס איז ניט אמת אַז „אַלע יוונים האָבן איין פּנים.“

עס זענען פאַראַן יחידים, וואָס זיינען אויסדערוויילט פון די געטער און געבענטשט מיט טאַלאַנט אָנצוזאָגן זייערע מיטמענשן אַ בשורה טובה. זענען טאַקע אָט די יחידים דייטלאַך און קלאָר אָפּגעצייכנט מיט זייער אַנדערשקייט.

יעדערער פון אונז, וואָס האָט אויגן צו זעהען און אויערן צו הערן — זעט זייער אינדיווידועלע אויסדערוויילטקייט און הערט זייער אינדיווידועלן לייט־מאָטיוו.

חיים שאַפּירא באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע אויסדערוויילטע פּערזענ־לאַכקייטן. פון אים שטראַלט אַ ליכטיקע וואַרימקייט און ליבשאַפט צו זיינע מיטמענשן.

ער איז באַזעלט מיט אַ נשמה יתרה, וואָס צעשיידט זיך ניט מיט אים, אפילו אין דער גרויסער לעבנס־וואָכעדיקייט.

זיין לייטמאָטיוו איז שיינקייט.

דער מאָטיוו עקזאַלטירט אים און ער צויבערט מיט אים זיינע צוהערער.

ער וויל א שענערן מענשלאכן צוזאמענלעבן און א גערעכטערע אָרדנונג, אָבער דערגרייכט דאַרף דאָס ווערן דורך אזעלכע שיינע מיטלען, ווי שיין עס איז דער אידעאַל גופא.

דער יעזואיטישער גלויבן, אַז דער צוועק הייליגט דעם מיטל, דער גלויבן וואָס איז אדאָפּטירט געוואָרן אפילו פון יענע וואָס דענקען, אַז זיי האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט — שאָקירט אונ־זער אַפּאָסטאָל פון שיינקייט, חיים שאַפּירא.

זיין צוגאַנג צו מענשלעכע באַציאונגען זענען אויבנאויף, כלומרשט, סאָציאַל־עטיש, לויט דעם נוסח פון סאָציאַליסטישן שולחן ערוך, אָבער אין דער אמת׳ן איז חיים שאַפּירא, אפשר אומבאוואוסט פאַר זיך אליין, א נאָכ־פאָלגער פון דעם גרויסן הומאַניטאַריער, טאָלסטאָי.

טאָלסטאָי׳ס לערע, אַז דער באַזיס פון אַלע באַציאונגען פון מענש צו מענש אין פּערזענליכן און סאָציאַלן לעבן דאַרף זיין ליבע און במילא שיינ־קייט, איז דער אני־מאמין פון חיים שאַפּירא.

די פילע ווידערשפּרוכן פון היינטיקן לעבן שטויסן זייער אָפט ארויס פון אונטער זיינע פיס דעם פונדאַמענט פון זיין גלויבן, ווייל די גרעסטע צאָל מענשן זענען נאָך ניט דערוואַקסן צו דעם גרויסן אמת. אָבער חיים שאַפּירא פאַרלירט ניט זיין גלייכגעוויכט, ער פאַלט ניט, ער בלייבט אויף זיינע פיס און ווערט ניט אַנטוישט פון א נידערלאַגע און דורכפאַל.

חיים שאַפּירא לאָזט ניט איבער אויף אחרית הימים זיין אמת. ער וועקט, ער מאָנט ביי זיינע צוהערער, זיי זאָלן זיך שוין היינט באַנוצן מיט דעם אמת פון ליבע און שיינקייט. שוין היינט קען דער מענש, אויב ער זאָל זיך אליין באַהערשן, ווערן בעסער און שענער, איז זיין גלויבן.

ביי מענשן מיט דעמאַגאָגיש־טרוקענע נשמות רופן אַזעלכע רעדעס ארויס א סקעפּטישן שמייכל. עס איז בטלונות — טראַכטן זיי זיך. אָבער צום גליק באַשטייט ניט אונזער וועלט פון סקעפּטיקער בלויז.

און אויב מ׳קען פאַרצייכענען א שטיקל פּראָגרעס אינ׳ם אינערליכן וועזן פון מענשן, שפּילן די פּערזענליכקייטן ווי חיים שאַפּירא ניט קיין קליינע ראָלע אין דעם פּראָגרעס.

אָן זיי וואָלט די מענשהייט פאַרבליבן אינגאַנצן פאַרדאַרט און פאַר־טריקנט מיט זייערע דאָגמעס.

אפילו דער סאָציאַליזם וואָלט אָן די חיים שאַפּיראָ'ס פאַרבליבן אָן א נשמה.

למען האמת מוז דאָ דערמאָנט ווערן, אַז ניט אַלע מאָל בין איך איינ־פאַרשטאַנען מיט אונזער חיים שאַפּיראָ. עס זענען געווען אורזאַכן, ווען איך בין געווען געצוואונגען עפנטלאָך אין דער פּרעסע אַרויסטרעטן מיט מיינע טענות קעגן אים.

אָבער דאָס שטערט מיר ניט אין מיין אָביעקטיווער אָפּשאַצונג פון אונ־זער יובילאַר און דאָס האָט אויך ניט געשטערט אונזער אינטימער פריינד־שאַפט אין די פאַרגאַנגענע פינף־און־צוואַנציק יאָר.

---

**חיים קאַטיליאַנסקי**

## גרייט? — שטענדיק גרייט!

איינע פון די הויפּט־מעלות פון חיים שאַפּיראָ, איינע פון די שענסטע שטריכן פון זיין כאַראַקטער, איז זיין שטענדיקע גרייטקייט צו קומען צו הילף, וואו נאָר הילף איז נויטיג. דאָס איז אַ וואונדערבאַרע מעלה פון אַ געזעל־שאַפטלעכן טוער מיט אַזאַ פאַרנעם, ווי חיים שאַפּיראָ. וואו נאָר ס'ווערט אונטערגענומען אַ אידישע אַקציע — מעג זי זיין אַ פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע אָדער קולטורעלע — איז אויפ'ן ערשטן רוף, ניט וואַרטנדיק לאַנג, חיים שאַפּיראָ פאַראַן מיט זיין ברייטהאַרציקן „הנני"— איך בין גרייט. חיים איז שטענדיק גרייט צו טאָן אַרבעט, ווען נאָר זיין אַרבעט איז נויטיג, ווען נאָר זיין אַרבעט קאָן ברענגען נוצן דעם כלל אָדער דעם יחיד.

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן חיים'ען ביי פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן — האָב איך שטענדיק באַוואונדערט זיין פייער, זיין ענטוזיאַזם. זיין וואָרט איז באַגייסטערונג, וועקנדיק, אָנציגנדיק. חיים קאָן ניט רעדן קאַלט. יעדע אַקציע, אין וועלכער ער נעמט אָן אנטייל, איז אים שטאַרק נוגע, ווערט אַ טייל פון זיין „איך." דעריבער לייגט ער אַריין אין איר זיין גאַנצן ברען, זיין גאַנצע התלהבות. חיים איז אַ מאַסאָווער רעדנער, אָבער ניט פון דעם טיפּ פּראָפעסיאָנעלע רעדנער, וועלכע קאָנען רעדן מיט אַן אויגנשיינלאַכן ענטוזיאַזם, אפילו דעמאָלט ווען זייער האַרץ איז אינגאַנצן ניטאָ דערביי. חיים איז איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה יעדער אַקציע, וועגן וועלכער ער רעדט צו די גרויסע מאַסן, און דערפאַר איז זיין וואָרט אַזוי עכט, אַזוי אמת'דיק, אַזוי האַרציק.

די הארציקייט, מיט וועלכער ער רינגלט ארום און באהויכט יעדע אק־ציע, אין וועלכער ער נעמט אן אנטייל, איז א טייל פון חיים׳ס גאנצן וועזן. חיים איז בכלל א הארציקער מענטש. ער איז אומשטאנד צו שאפן אן אטמא־ספערע פון הארציקייט, וואו נאר ער געפינט זיך: אין זיין היים, אין דער געזעלשאפט פון זיין ליבער, הארציקער באסקען און זייערע טייערע קינדער, וויאלעט און דוד, צווישן פריינט און באקאנטע, און אויך אויף גרויסע פאר־זאמלונגען פון מאסן מענטשן, וואו אים קומט אויס אזוי אפט צו רעדן.

חיים האט ליב שיינקייט און גוטסקייט. חיים האט ליב מענטשן און גוטע מענטשן אוודאי און אוודאי. חיים האט ליב דאס אידישע פאלק, די אידישע שפראך און די אידישע קולטור. פאר די לעצטע איז ער שטענדיק גרייט צו ארבעטן, ניט זשאלעווענדיק קיין כחות. אבער זיין אייגענע ארבעט איז פאר חיים׳ען ניט גענוג. ער וואלט שטענדיק געוואלט זען אחדות, אייני־קייט פון אלע אידישע פראגרעסיווע כחות אין יעדער אידישער געזעלשאפט־לעכער ארבעט, און אויך פאר אט־אדער איינינקייט איז חיים גרייט אונער־מידלעך צו ארבעטן.

מיט איין ווארט, ס׳איז שווער צו געפינען א געביט אין אידישן געזעל־שאפטלעכן לעבן וואו חיים שאפירא זאל ניט זיין גרייט מיט זיין מיטארבעט, ווען נאר דער ערשטער רוף איז געווענדעט צו אים. און איבעראל טראגט ער אריין ענטוזיאזם, פייער און הארציקייט.

פאר אט־די אלע מעלות זיינע, וויל איך דא, צו דער געלעגנהייט פון דער פייערונג פון זיין פופציק־יאריקן יובילוי, ווינטשן חיים׳ען, אז ער זאל שטענ־דיק זיין אזוי גייסטיק יונג, ווי ביז איצט; שטענדיק זיין פול מיט התלהבות און זי אויך אריינטראגן אין זיינע ווייטערדיקע געזעלשאפטלעכע ארבעטן, און „לעסט, באט נאט ליעסט״ — ער זאל שטענדיק זיין אזוי ווי ביז איצט גרייט אונערמידלעך צו טאן ארבעט פאר א בעסערער און שענערער וועלט.

---

# ווארשעווער יאנג־מען געזעלשאפט

די ווארשעווער יאנג מען׳ס סאסייטי מיט איר לײדיס סאשעל קלוב באגריסן הארציק אונזער ליבן חיים שאפירא צו זיין 50 יאריקן יובילעאום.

ביי דיזער געלעגנהייט ווילן אלע מיטגלידער פון דער ווארשעווער יאנג מען׳ס סאסייטי אויסדריקן זייער דאנק צו חיים שאפירא פאר דעם גייסטיקן פארגעניגן וואס ער האט אונז פארשאפן ביי אונזערע מיטינגען. מיר ווינשן אים געזונט און לאנג לעבן.

# יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט
# צענטראַלע פאַרוואַלטונג

חיים שאַפּירא־יובל קאָמיטעט,
לאָס אַנדזשעלעס.      אָקטאָבער 7, 1937.

טייערע חשובע פריינד:

מיר האָבן ערשט היינט באַקומען אייער פאַרבעטונג זיך צו באַטייליקן אין דער אויסגאַבע לכבוד דעם 50־יעריקן יובל פון אונזער געטרייען פריינד חיים שאַפּירא. עס טוט אונז באמת פרייד צו זיין רעפּרעזענטירט אין דער יובל אויסגאַבע. איז דאָך דער חשובער בעל־יובל, חיים שאַפּירא, איינער פון די אַקטיווסטע מיטהעלפערס ביים אויפבוי פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דער אָנפירער פון אַלע ייוואָ־אַקציעס אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט מיט זיין גרויסער השפעה מיטגעווירקט צו וועקן דעם אינטערעס פאַר דעם אַלוועלטלעכן צענטער פון דער יידישער קולטור און וויסנשאַפט אויך אין אַזאַ וויטן ווינקל פון דער וועלט, ווי עס איז זיין היים־שטאָט. און נאָך מער אָנגעלייגט איז אונז די מיטאַרבעט פון חיים שאַפּירא, ווייל זי שטאַמט ביי אים פון זיין טיפער צוגעבונדנקייט צו דער יידישער קולטור, פון זיין גרויס פאַרשטענדעניש פאַר אירע הומאַניטאַרע ווערטן, פון זיין אָרגאַנישער באַהעפטונג מיט דער גרויסער יידישער וועלט, מיט דעם יידישן וועלט־פאָלק, וואָס ראַנגלט זיך אַזוי העראָאיש פאַר זיין נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן קיום.

גיט איבער, חשובע פריינד, דעם בעל־יובל אונזערע האַרציקסטע ברכות אין נאָמען פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אין נאָמען פון אַלע ייוואָ־דעלעגאַטן, וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו באַקענען זיך פערזענלעך מיט דעם דאָזיקן איידעלן רעפּרעזענטאַנט פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ, וועלכער דינט זיין גאַנץ באַוואוסטזיניק לעבן אַזוי געטריי די אינטערעסן פון זיין פאָלק און פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט בכלל.

## אויספיר־ביוראָ פון ייוואָ

ד״ר. מאַקס וויינרייך
זלמן קלמנאָוויטש
זלמן רייזין

חיים שאַפּיראָ

# געדאַנקען וועגן פרייהייט

(באַסקען אַ מתנה)

מיר דרוקן איבער אַן אַרטיקל פון חיים שאַפּיראַ, וועלכער איז געווען געדרוקט מיט כמעט 25 יאָר צוריק, אין אַפּריל, 1913. צו די געדאַנקען, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעזאָגט, איז חיים שאַפּיראַ געבליבן געטריי ביז היינטיקן טאָג.
— די רעדאַקציע.

פּסח און פּרילינג — וואָס פאַר אַ הערליכע, פּאַסיגע פּאָר עס איז!
פּסח — אַ יום־טוב פון באַפרייאונג, פּרילינג — פון אויפלעבונג און באַנייאונג. און עס טראַכט זיך וועגן אונזער ליבן פּסח: לאַנג, זייער לאַנג צוריק איז עס געווען . . . פאַרשקלאַפט האָט דאָס גאַנצע פאָלק ישראל געלעבט; מיט'ן שווייס—הויכע, מעכטיקע פּאַלאַצן געבויט, און אַליין זיך אין ענגשאַפט, אָן לופט און זונענשיין געפּונען.

דאָס פאָלק האָט מיט זיין אַרבעט און מיה מעגליכקייטן געשאַפן פאַר אַנדערע אין די הערליכע וועלטן פון פילאָזאָפיע און קונסט שוועבן, און פאַר זיך זעלבסט ניט געווען אימשטאַנד, צוליב נויט און דאגה, קיין פליגלען באַזאָרגן — פליגלען פאַר זיין אייגענעם פאָלקס־גייסט — הויך און מעכטיק אין די גייסטיקע וועלטן פליהען . . . און אַלע מאָל האָט דאָס אַרבעטענדע, אימער ליידענדע פאָלק זיך געמוזט מיט דער האַרטער, שווערער, אמת'ער אַלטעגליכקייט טרעפן און ליידן, ליידן גרויזאַם און שטיל . . .

ווען־ניט־ווען פלעגט זיך אין האַרצן פון אַ פאַרשקלאַפטן אידן אַ פּראָטעסט, אַ פייערדיקער פּראָטעסט געגן דעם גיהנם פון לעבן זיך אַרויסרייסן; ער פלעגט אויפהערן אַרבעטן אַזוי שנעל, פלעגט זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם אינהאַלט פון לעבן אין אַלגעמיין און וועגן זיין זיין אייגענער טרויעריקער לאַגע דערהויפּט. דאַן פלעגן שומרים מיט לאַנגע בייטשן קומען: שמייסן זיין ליב, ווילד שרייען און צויאָגן אים: „אַרבעט פיל, אַרבעט מער!“ . . . דאַן פלעגן טרערן, הייליקע פּראָטעסט־טרערן, קאַפּען אויף די פרישע אָפענע וואונדן, און דער קנעכט פון מצרים—דער איד—פלעגט פילן אַזוי שמערצהאַפט באַליידיקט, אַזוי טוט וויי. . . ער פלעגט דאַן צו דעם אייביקן, וועמער ווייסט וואו זיך געפינענ, קוואַל פון גערעכטיקייט רופן... קיין הילף, קיין ענטפער פלעגט אים דערגרייכן. און ווידער פלעגט ער זיך נעמען, מיט אַן אָפּגעשוואַכטער, זייער שוואַך אין די טיפענישן פון זיין נשמה צאַפּלענדער האָפ־

נונג אויף א פרייערן, שענערן לעבן; ארבעטן, ארבעטן שווער און מאַנאַטאַן.. אזוי זיינען יאָרן, זיך אַן אויפהער ציהענדע יאָרן, פאַרלאָפן...

דער פּראָטעסט געגן דעם חושכ'דיקן לעבן פון „היינט" און דאָס בענקען נאָך מער יושר און רוה אין דעם לעבן פון „מאָרגן" זיינען געוואָרן אַלס אָפּ־טערע באַזונכער אין דעם אידנ'ס נשמה, וועלכע איז נאָר פון אויבן אויף אַזוי הילפלאָז פאַרשקלאַפט געווען, אָבער וועלכע האָט אין אירע טיפעניש, אין איר תוך, דאָן ווי פריער, ווי יעצט און ווי אימער, וועט ענטהאַלטן א קוואַל. אמת, צוליב דעם דרוק פון לעבן אָפּטמאָל אביסל ניט רוישיק לויפענדן, דאָך אימער פרישן קוואַל, פון ליבע צו גערעכטיקייט, האָס צו אונטערדריקונג, און באַגייסטערונג פאַר פרייהייט, פאַר אמת'ער, אַלגעמיינער, פּילזייטיקער פרייהייט.

די פּראָטעסט שטימונג איז געוואָרן אַלץ מער און מער אַן אַלגעמיינע. עס האָט אָבער איר געפעלט איינפאַרשטאַנענקייט, אָרגאַניזירונג.

דאָן איז מ ש ה דערשינען...

משה, מיט זיין קרעפטיקער, אמת אידישער נשמה: האָס צו אונטער־דריקונג און צו אַלע קרעפטן וואָס מאַכן אַזוינס מעגליך; ליבע, וואַרימע ליבע צו פרייהייט און צו אַלע פריינד פון דעם! קיינע קאָמפּראָמיסן, ניטאָ קיין צווייִדייטיקייט: אָדער דו ביזט מיט די פינסטערע, בייזע קרעפטן, וואָס פאַרשקלאָפן און געגן מיר, אָדער געגן זיי — און מיט מיר. — אַזוי האָט קלאָר און קרעפטיק משה'ס קול געדונערט — „און אויב, מענשן־קינד, דו ביזט געגן דאָס פינסטערניש, אונטערדריקונג און שקלאַפעריי אין לעבן, איז נאָך ניט גענוג אַזוי פילן און פאַסיוו פאַרבלייבן, נאָר ד ומוזט עס מיט דיין טהאַט שטאַלץ און ניט פאַרטראַכטערהייט וועגן מעגליכע שוועריקייטן באַווייזן.— נידער מיט שקלאַפעריי! הידד פאַר פרייהייט!"

דער רוף האָט אין די פאַרשקלאַפטע — פרייע הערצער פון די אידן אַן אָפּקלאַנג געפונען, און די וואָס פאַרדינען דעם נאָמען, וועלכן דאָס פאָלק האָט פאַר זיי אין זיין גרויסערגעשיכטע צוגעגרייט, האָבן געבראָכן די קייטן, זיי אין אָפּגרונט געוואָרפן, און באַפרייטע אַוועק אין א שווערן, שטעכיקן מדבר־וועג, זוכן א פרייערן, מער מענשליכן לעבן...

גרויזאַם איז געווען דער וועג, אָבער ווי הערליך עס שיינט און מעכטיק באַגייסטערט די אויפגייענדע זון פון פרייהייט, וועלכע לייכט און דערוואַרעמט די מידע נשמות פון א באַפרייטעס פאָלק!...

דארום איז דער יום־טוב פסח אַזוי האַרציק נאָענט, אַזוי קוויקענד־זיס פאַר אונזערע קינדערשע, ווי אויך דערוואַקסענע מחות און הערצער..

דארום איז די נאַטור, די אַזוי ווייניג אויסגעפאָרשטע, מיט אַזוי פיל סודות רייכע נאַטור, אַזוי האַרציק צופרידן פון דעם דאָזיקן פרייהייטס יום־טוב. אַלעס בליהט, וואַקסט אויף, ווערט געקושט און געצערטלט פון די מילדע זונענשטראַלן, און אויפגעלעבט קוקט אַרויף דאַנקבאַר צו די הימלען. די נאַטור איז באַפרייט — פרילינג איז דאָ!

דאָס פאָלק איז באַפרייט — פסח איז דאָ!

פרייהייט און פרילינג! ווי צוזאַמענגעפלאָכטן עס זיינען עס דיזע צוויי באַגריפן, וועלכע באַצייבערן אַזוי מעכטיק דאָס אמת מענשליכע מח און האַרץ!

שיין איז די באַפרייאונג פון אַמאָל, הערליך דאָס שטרעבן צו און דאָס טאָן פאַר דער צוקונפטיקער מענשליכער באַפרייאונג פון אַלעס וואָס מאַכט שווער און טרויעריק דאָס לעבן! און איך פיל, אַז אַלס איד, וואָס קוקט מיט באַגייסטערונג און ליבע אויף דעם שיינעם פסח פון אַמאָל, איז עס מיין חוב, אויב איך וויל זיך ערווערבן באַרעכטיקונג צו רופן זיך אַ זון פון אַ פאָלק וואָס האָט דער וועלט פסח־העלדן און משה'ן געגעבן, טאָן דאָס וואָס זיי האָבן — אָדער ריכטיקער — וואָלטן געטאָן היינט־צו־טאָג: קעמפן קעגן שקלאַפעריי און פאַר פרייהייט!

אַלס אַ קינד פון אַ מאַרטירער־פאָלק, פיל איך, מוז איך זיין מיט די אָרימע, באַליידיקטע און באַרויבטע, און מיט יעדן פיבער פון מיין נשמה — געגן אַלע קרעפטן וואָס אונטערדריקן, פאַריאָכן און מאַכן פינסטער און הילפ־לאָז דאָס הייליקע מענשליכע לעבן!

און וואָס מער איך פאַרטראַכט זיך וועגן אונזער ליבן פסח־יום־טוב, און וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין מיינע פסח־שטימונגען, אַלס מער און מער ווער איך באַגייסטערט פאַר דעם פרייהייטס־קאַמף פון היינט. ווייל יעצט איז עס פונקט ווי דאָרט אַמאָל, אַמאָל... אַ טייל שאַפט און האָט גאָרניט, און דאָס צווייטע, קליינע טייל, שאַפט גאָרניט און האָט אַלעס...

די נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג דערהויבט ביי אַן אונטערדריקט אונטערדריקט פאָלק, איז אַזוי גוואַלדיג איבערפילט מיט פסח־פרייהייטס־גייסט: אונטערדריקער און אונטערדריקטע; באַפרייטע פעלקער אין אַ פרייער מענשהייט!

ווי הערליך און ווי שיין עס קלינגט דער אַלטער, דאָך אימער יונגער פסח — פרייהייטס־גייסט! און אַלעמען, ווען עס איז אמת הייליג דער פסח פון אַמאָל, מוז זיין הייליג די אַרבעט פאַר'ן סאָציאַליזם — דעם פסח־גייסט פון דער צוקונפט...

**וויליאַם געווירץ**

# באַגריסונג צו מיין פריינט חיים שאַפּיראָ

איך נעם זיך צו דער פּען צו באַגריסן אונזער אַלעמענ׳ס ליבן חיים שאַפּיראָ, כאָטש איך בין ניט איינער פון די איינגעלאַדענע שרייבער אַזאַ באַגריסונג צו שרייבן. איך בין אויך ניט קיין שרייבער — איך בין גאָר אַ בעקער. און טאַקע דערפאַר ווייל איך בין אַ בעקער, וויל איך אויסדריקן די גרויסע אכטונג און אַנערקענונג, וואָס מיר, אידישע בעקער פון לאָס אַנדזשע־לעס, האָבן צו חיים שאַפּיראָ.

איך בין אַ געוועזענער באַאַמטער פון דעם אידישן בעקער לאָקאַל און אויך איינער פון די גרינדער פון דער אידישער בעקער יוניאָן, און איך ווייס וואָס חיים שאַפּיראָ האָט געטאָן פאַר אונז און פאַר דער יוניאָן פון ערשטן טאָג אָן פון דער גרינדונג ביז דעם היינטיקן טאָג.

חיים שאַפּיראָ איז דער לאָיער פון דער יוניאָן פון אידישע בעקערס. ער איז אָבער ניט בלויז דער אָנגעשטעלטער פּאַרטיידיקער אונזערער. ניין, ער איז דער פריינט פון דער אָרגאַניזאַציע און פון יעדן מיטגליד באַזונדער. ביי אים שטעלט זיך ניט די פראַגע, צו האָט די די יוניאָן געלט צי באַצאָלן פאַר זיין אַרבעט צי ניט; ער איז גערן געווען די אַרבעטער צו פאַרטיידיקן זיין גאַנצן לעבן און דאָס, וואָס ער איז אַ לאָיער, איז נאָר אַ מיטל די פאַר־טיידיקונגס אַרבעט פון די אַרבעטער בעסער צו מאַכן.

איך קום באַגריסן חיים שאַפּיראָ צו זיין פופציקסטן געבורטסטאָג אויך אַלס פּערזענלעכער פריינט. פאַר די יאָרן פון אַרבעטן צוזאַמען פאַר די זעלבע אינטערעסן און אידעאַלן פון דער אַרבעטער באַוועגונג, דאָס לעבן פון די אַר־בעטער גרינגער און בעסער צו מאַכן, האָב איך אים ליב געקראָגן ווי אַ פריינט און ווי אַ פאַרערער און ווי אַ תלמיד. יע, מיר אידישע בעקערס באַטראַכטן חיים שאַפּיראָ פאַר אונזער לערער און וועגווייזער.

אַלע אידישע בעקער־אַרבעטער און די געוועזענע בעקער־אַרבעטער, וואָס זיינען איצט אויך־מיר־באַלעבאַטים, פילן זיך אַלס גרויסע מחותנים אויף דער שמחה פון שאַפּיראָ׳ס יובילייַ. עס איז אונזער אַלעמענ׳ס שמחה און מיר ווייסן אויך, אַז ווען מיר האָבן אַ שמחה, פילט אונזער חיים שאַפּיראָ, אַז דאָס איז אויך זיין שמחה. מיר זיינען אומצוטיילבאַר איינע פון די אַנדערע.

אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון מיין פאַמיליע, באַגריס איך האַרציק שאַפּיראָ׳ן צו זיין געבורטסטאָג. לאַנג לעבן זאָלט איר פאַר אייער גוטע איבערגעגעבענע אַרבעט פאַר אונזער קלאַס און פאַר אונזער פאָלק.

סאָניא עלמית און א. אַזראַ

# צו דעם חיים שאַפּיראָ יובילײ קאָמיטעט

זייער חשובע פרײנט:

מיט א באַזונדערן ברען כאַפּ איך זיך צום טינט און פעדער צו באַגריסן האַרציק, פול מיט ליבע און פאַרערונג, אונזער גרויסן בעל־יובל, אונזער חיים'ען. יאָ, חיים איז אונזערער, מײנער, אַלעמענס! חיים געהערט און איז נאָענט און טײער דער גאַנצער „ווילנער טרופּע"!

פאַר די קורצע עטלאַכע חדשים, וועלכע די „ווילנער טרופּע" האָט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט חיים'ען אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער באַוויזן מיט זײן פּערזענלעכער גרויסקײט און רײץ אַרײנצודרינגען אין די טיפעניש פון אונזערע נשמות און הערצער. דערפרישטע דורך אים, האָבן מיר מיט א ווײטאַגדיקער בענקשאַפט פאַרלאָזן קאַליפאָרניע, פאַרלאָזן חיים'ען, וועלכער איז אונז א ברודער געוואָרן. אָבער נישט קוקנדיק אויפ'ן לאַנגן משך פון די יאָרן, נישט קוקנדיק אויפ'ן גרויסן שטח וואָס טײלט אונז אָפּ פון אים, זעען מיר אים און פילן זײן נאָענטקײט דורך זײן גרויסער קולטור־אַרבעט, דורך זײן גוואַלדיקער השפעה, וועלכע ציט זיך פון די בלויע קאַליפאָרניער בערג ביז די גיגאַנטישע וואָלקן־קראַצער פון ניו־יאָרק און נאָך ווײטער. מיר זעען זײן צאַרטן, בלײכן פּנים מיט די אויגן פון א טרוימער; מיר הערן זײן שטים, וועלכע צינדט אָן און באַצויבערט; מיר פילן זײן פּאַטאָס און עקסטאַז, וועלכע באַפליגען און טראָגן אין די הימלען אַרײן.

יאָ, חיים'ען וועלן מיר קײנמאָל ניט פאַרגעסן. און אויב אין אונזערע אַקטיאָרישע לאַנגע וואַנדער־יאָרן זײנען געוועזן בעסערע און שענערע טעג, זײנען עס די טעג, פאַרבראַכט מיט חיים'ען.

און באַגריסנדיק הײנט אונזער אַלעמענס חיים'ען מיט זײנע 50 יאָר, טאָרן מיר אים ניט זאָגן: „דו האָסט דײנס אָפּגעטאָן, אָט האָסטו דײן דאַנק און שבח." נײן! אונזער חיים האָט ערשט אויסגעטראָטן א באָדן פאַר זײן גרויסער פּילזײטיקער אַרבעט, איבער וועלכן זײן גרויסע, גוטע, קינסטלערישע נשמה וועט פלאַטערן הויך און אָנצינדן די הערצער פון זײנע מיטמענטשן.

לאַנג לעבן זאָל אונזער שטענדיק־יונגער טרובאַדור פון שײנעם וואָרט און יושר!

לאַנג לעבן זאָל אונזער חיים!

סאָניע עלמית — אַלעקסאַנדער אַזראַ.

מ. פילוויער

# אַ כשר פאַרדינטע באַגריסונג

דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון די אידן אין אמעריקע, וועט זיכער אָפּגעבן אַ זייער חשובן פּלאַץ דעם אידישן ישוב פון לאָס אַנדזשעלעס, ווען ער וועט שרייבן פון דעם פעריאָד פון די דרייסיקער יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

ווייל, קיינער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַן ערנסטער פאָרשער פון דער אידישער געשיכטע, שרייבנדיק פון דעם פעריאָד פון חוצפּהדיקן פאַשיזם, זאָל פאַרפעלן צו זען לאָס אַנדזשעלעס, אַלס די שטאָט, וואָס האָט מיט מעשים באַוויזן, אַז עס איז מעגלאַך צו פאַראייניקן פאַרשידענע שיכטן פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַר געמיינזאַמער אַרבעט קעגן דער פאַרשטרייטונג פון פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע.

און אַף ווי וויט מענטשן זיינען די אינסטרומענטן, דורך וועלכע געשיכטע ווערט געשאַפן, וועט אַף דעם לאָס אַנדזשעלעסן בלאַט פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות דער נאָמען פון חיים שאַפּירא.

חיים שאַפּירא, דער ערשטער און פאַר אַ געוויסער צייט דער איינציקער אין דער אידישער סאָציאַליסטישער וועלט פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט זיך געשטעלט אַפן שטאַנדפּונקט פון אייניקייט אין קאַמף קעגן רעאַקציע. שוין אין 1934 איז ער געווען איינער פון אַ קליינער צאָל טוער אין שטאָט, וואָס האָבן עקשנותדיק געאַרבעט פאַר געמיינזאַמער אַרבעט צווישן די פאַרשידענע כוחות און אָנגענומען דעם לאָזונג: „אייניקייט אַנשטאָט צעשפּליטערונג."

חיים שאַפּירא מעג שטאָלצירן, וואָס פייערנדיק דעם 50 יאָריקן יובּיליי איז די אייניקייט באַוועגונג צווישן די אידישע מאַסן פיל אויסגעברייטערט געוואָרן און קריגט נייע אָנהענגער צווישן אַ צאָל ערנסטע פירנדע עלעמענטן אין שטאָט.

אַ פייערלאַכן חברישן גרוס אייך, חיים שאַפּירא, צו אייער **50** יאָריקן יובּיליי!

לאַנגע און גליקלאַכע יאָרן פאַר ווייטערדיקע אַרבעט אין דער זעלבער ריכטונג.

# אַ גליק־וואונש פון בר. 443 אַרבעטער רינג

ברענטש 443 שיקט זיין באַגריסונג צום יובילאַר, חיים שאַפּירא, לכבוד זיין פופציק־יאָריקן יום־טוב.

מיר פילן זיך שטאָלץ, וואָס דער חשוב'ער יובילאַר איז איינער פון אונ־זערע ערשטע מיטגלידער, וואו ער באַלאַנגט ביז היינטיקן טאָג; איינער פון די בויער און טוער אינ'ם היגן אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס אונזער בר. 443 האָט פון זיך אַרויסגעגעבן.

ברענטש 443 האָט אין זיין רייכן 25־יאָריקן לעבן און שאַפן אַ סך מתנות געבראַכט דער וועלט; דער עיקר, צו דער פּראָגרעסיוו־אידישער אַר־בעטער וועלט. צווישן די קאָנסטרוקטיווע כחות פון אַלע אונזערע אינסטי־טוציעס און באַוועגונגען האָבן מיטגלידער פון בר. 443 שטענדיק פאַרנומען אַ באַדייטענדן פּלאַץ און אונזער ברענטש איז באמת שטאָלץ דערמיט.

און איצט, צו אונזער זילבערנעם יובילעאום, ברענגען מיר דער וועלט אַ געהויבענע מתנה — דעם 50־יאָריקן יובילעאום פון אונזער בכבודיקן מיט־גליד חיים שאַפּירא, און מיר ווינטשן דעם בעל־שמחה לאַנג לעבן מיט גליק און אַ סך נוצלעכע דערגרייכונגען.

## ברענטש 443 אַרבעטער רינג

**ה. שער, פּאַרזיצער**

**ס. פאַגעל, סעקרעטאַר.**

---

**צו פריינט חיים שאַפּירא:**

לאַנגע יאָרן פון ווייטערדיקער פרוכטבאַרער

טעטיקייט אונזער ליבן חיים שאַפּירא.

**ל. האָפמאַן.**

**לואיס פעלהענדלער**

# אַ באַגריסונג פון אַ פאָלקס־מענשן, וואָס האָט חיים׳ען ליב

טייערער פריינט פון דער אַראַנדזשמענט קאָמיטע: —

איך בעט אייך אָפּצודרוקן אין חיים שאַפּיראָ׳ס יוביליי־בוך אויך מיין באַגריסונג צו אים. איך האָב חיים׳ען אַזוי ליב, אַז איך מוז מיינע געפילן אויסדריקן אויפ׳ן פּאַפּיר.

דאַרף איך אייך דען דערציילן, ווי וויכטיג מיר האָבן אַזעלכע גאָלדענע, טייערע נשמות? הייסט זיין ריידן! אוי זיין ריידן... יעדן מאָל וואָס איך הער שאַפּיראָ׳ן ריידן, פיל איך אַ חיות אין אַלע מיינע ביינער. איך בין מוחל דעם בעסטן קאָנצערט פאַר איינער פון חיים שאַפּיראָ׳ס רעדעס.

דאַן איז ער דאָך אויך אַזאַ גוטער, אַזאַ אָרנטלעכער און אַזאַ ליבער מענש, וואָס צו אים איז דאַכט זיך גאָר קיין גלייכן ניטאָ. אַזאַ מענשן מוזן מיר שעצן און מיר מוזן אים רעספּעקטירן. מיר מוזן אים האַלטן ווי אַן אבן־טוב.

איך באַגריס מיין ליבן פריינט חיים צו זיין יוביליי. הלוואי קען אַזאַ מענש לעבן אייביק און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אונזער אָרים, געפּלאָגט אידיש פאָלק.

מיט גרויס דרך ארץ,

לואיס פעלהענדלער (דער וואַרשעווער בעקער)

---

טייערער חיים!

צו אייער 50 יאָריקן געבורטסטאָג ווינש איך אייך, אַז איר זאָלט אָנגיין מיט דער גרויסער אַרבעט, וואָס איז אייך און טויזנטער אַנדערע אַזוי נאָענט צום האַרצן.

צו אייער פרייליכן טאָג טרינק איך צוליב אייך לחיים און ווינש, אַז איר און אַלע אונזערע פריינט זאָלן זיין געזונט און מיר אַלע זאָלן פייערן אייער פינף־און־זיבעציק יאָריקן געבורטסטאָג, און זאָל די גרויסע אַרבעט צו וועל־כער איר שטרעבט, ביז דאַן זיין פאַרווירקליכט.

מיט סאָציאַליסטישן גרוס, אייער

מ. מענדל (סאַן פראַנציסקאָ).

**י. ראָבערטס**

# חיים שאַפּיראָ — דער פּאָעט און פּאָלקס־מענש

זייער אָפט הערט מען מענשן ריידן וועגן פּאָעטן, ווי וועגן „בעלי־חלומות“. חיים שאַפּיראָ איז אָבער אַ לעבעדיקער באַווייז, אַז מען קען האָבן אַ פּאָעטישע נשמה און זיין אַ מענש מיט פּשוטע מעלות און חסרונות.

חיים שאַפּיראָ איז אַן אמת'ער פּאָלקס־מענש וואָס האָט ליב די מענש־הייט, מיט די גוטע זייטן און טהאטן, אַזוי גוט ווי אירע שלעכטע מעשים. ביי אים זיינען גאָר קיין שלעכטע מענשן ניטאָ. שלעכטע טהאטן פון מענשן זיינען ביי אים אַ פּועל יוצא פון דער ניט־ריכטיקער און ניט־יושר'דיקער וועלט אין וועלכער מיר לעבן, אָבער ניט די שולד פון יחיד. ער האָט אַ פּאָע־טישע נשמה און אַ פּאָעטישן חוש, וואָס באַהעפט דאָס האַרץ מיט'ן קאָפּ, און דערפאַר איז ער אַלעמען דן לכף זכות. חיים שאַפּיראָ רעדט וועגן פאַר־ברעכנס וואָס מענשן באַגייען איינער געגן דעם אַנדערן, מיט דעם זעלבן דרך־ארץ און מיט דער זעלביקער פּאָעטישער שפּראַך, ווי ער רעדט און באַזינגט אַ הערויִשן אַקט פון העלדנטאַט, נאָר מיט אַנדערע ווערטער און אינהאַלט. אין זיין מוסר־זאָגעריי און שטאַרקע טאַדלונג פאַר שלעכטער אַקציע שפּריצט אַ מענשלעכער געפיל, אַ פּאָעטישער טאָן און סטרונע, וואָס פאַדערט חרטה אַנשטאַט שטראָף.

אַ סך מענשן באַטראַכטן חיים שאַפּיראָ פאַר אַ ווייכן, צו־סענטימענ־טאַלן מענשן, וואָס לאָזט זיך בייגן. אין מיין אָפּשאַצונג איז דאָס זיין גרויס־קייט. אמת'ע פּאָלקס־מענשן שילטן זיך ניט און זידלען זיך ניט. דורך חרוב מאַכן סדום איז די שטאָט ניט בעסער געוואָרן, בלויז פאַרניכטעט גע־וואָרן. אונזער וועלט וועט קיינמאָל ניט איבערגעמאַכט ווערן דורך קאַטאַס־טראָפעס און חורבות. חיים שאַפּיראָ גלויבט אין בויען און שטיצן, און ניט אין אַרונטעררייסן; אין אויסבעסערן אַנשטאַט פאַרניכטן.

חיים שאַפּיראָ איז אַלעמאָל געווען אַן אָנגעזעענער מענש ביי די סאָציאַ־ליסטן, און איז געווען זייער קאַנדידאַט פאַר פאַרשידענע שטאָטישע אמטן.

ער איז אָבער אויך אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ“ און אייגענער מענש אין אַנ־דער געזעלשאַפטלעכע קרייזן, ווייל ער גלויבט אין דאָס מעגליכע און פּראַק־טישע. ער איז אַן אָנהענגער פונ'ם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן נאָך ניט קיין סאָציאַלע רעוואָלוציע, און דאָס קאָאָפּעראַטיווע

צוזאמענלעבונג איז נאָך א הייליקער וואונש, דאַרף מען דערוויל פאַרלייכטערן די מענשליכעליידן און העלפֿן די נויטבאַדערפטיקע. ער איז דערפאַר אַקטיוו במעט אין אַלע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס דאָ אין שטאָט.

צוזאמען מיט אַלע אַנדערע פריינט און מיטאַרבעטער ווינטשן מיר חיים שאַפּיראָ צו זיין פופציק־יעריקן יום־טוב, נאָך לאַנגע יאָרן פון אַקטיוויטעט.

---

# אידישער אַרבעטער קאָמיטעט

טייערער חיים שאַפּיראָ !

דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט באַגריסט אייך האַרציק צו אייער יובילײ. קיינער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרדינט אזוי כשר א יובילײ ווי איר.

אייער אַרבעט דאָ אין שטאָט איז ניט אָפּצושאַצן. מאַכט ניט אויס ווער עס פאַנגט אָן אַן אַרבעט, איז נאָר די אַרבעט א ריכטיקע, איז נאָר די אַרבעט א וויכטיקע, זייט איר מיט לייב און לעבן אין דעם.

איר שרעקט זיך ניט , זייער אָפּט, צו גיין קעגן שטראָם, איר שרעקט זיך ניט צו באַצייכנט ווערן מיט צו־ראַדיקאַלע נעמען — אויב די אַרבעט וואָס ווערט געטאָן איז נאָר אין די אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, זייט איר גרייט צו צולייגן אַן אַקסל און העלפֿן.

ווינשן מיר אייך דאַרום לאַנגע יאָר, יאָרן פון אַקטיוויטעט, ווי ביז איצט, מיט די מאַסן, פאַר די מאַסן.

## אידישער אַרבעטער קאָמיטעט

**א. ראַוויטש, קאַסירער.**

ביטע, גיט אונזער גרוס :

מיט גרויס ליבע און דרך ארץ באַגריסן מיר אייך, ליבער חיים !

**דר און מרס. אליהו חיים עפּשטיין.**

## ישראל און נעכע פיינבערג

מיין טייערער י. לעווים:

אייער פארלאנג פון מיר אנצושרייבן עפעס וועגן אונזער פריינט חיים שאפירא און זיין טעטיקייט אין געזעלשאפטלעכן לעבן, איז פאר מיר א פאר־געניגן. איך בין ספּעציעל זייער צופרידן פון דעם פאקט, דאס מיר האבן זיך אויסגעלערנט אפּצושאצן א מענטשנ׳ס טעטיקייט ביי זיין לעבן. און איצט צום בעל־דבר אליין.

מיין באקאנטשאפט מיט דעם יובילאר איז ניט קיין זייער לאנגע. פאק־טיש איז עס זינט איך בין געקומען קיין לאס אנדזשעלעס, בלויז ארום פיר יאר. אבער דורך דער צייט האב איך אויסגעפונען אז אונזער אלעמענס פריינט שאפּירא איז איינער פון יענע מענטשן, וועמעס הארץ שלאגט באַ־שטענדיק פאר די וועלכע זיינען אונטערדריקט, פאר די וואס ליידן סיי פיזיש סיי מאטעריעל. אונזער פריינט שאפּירא איז צו יעדער צייט פארטיק צו פארטיידיקן די געקריוודעטע. ער פילט זייער ווייטאג, ער פילט זייער שמערץ. און דערפאר טאקע, ווען ער רעדט פאר די ליידענדע אדער באַ׳גזל׳טע, קאנט איר זען אין זיין פנים, אז ער אליין לעבט דורך דיזע אומגערעכטיקייט. און געבענשט האט אים גאט מיט א זייער פיינעם טאלאנט צו ריידן. איר קאנט ניט העלפן ווי נאר ווערן באגייסטערט פון זיינער א רעדע. עס מאכט ניט אויס צי איר זיינט מיט אים איינשטימיק צי ניט.

איך שטעל זיך פאר אז עס איז ניט קיין סוד אז ח. שאפּירא איז א סאציאליסט. פונדעסטוועגן ווערט ער געאכטעט אין אזעלכע קרייזן וואו סאציאליזם איז ניט זייער אני מאמין. עס איז פאר זיין ברייטהארציקייט א סך מאל אביסל צו ברייט.

עס איז שווער צו גלויבן אז חיים שאפּירא האט שוין דורכגעשפּאנט א פופציקער, ווייל זיין גייסט איז דאך אזוי יונג, זיינע טרוימען אזוי פריש. און דערפאר פריידט עס מיך צוזאמען מיט זיינע פריינט צו פייערן זיין פופציק־יעריקן געבורטסטאג — פופציק יאר יונג.

ערלויבט מיר צו ווינטשן מיין טייערן פריינט חיים שאפּירא און זיין העבנסבאגלייטערין, באסיע שאפּירא, און זיין גאנצע פאמיליע, לאנגע יארן פון פרוכטבארער טעטיקייט, פאר א שענערער, בעסערער און גערעכטערער וועלט פאר אלע מענטשן.

# בעקערס יוניאָן, לאָקאַל 453

אידישע בעקערס יוניאָן לאָקאַל 453 נעמט אָן מיט פאַרגעניגן דעם כבוד וועלכן איז איר צוגעטיילט געוואָרן אין אנטיילנעמען אין דעם פאָלקס יום־טוב, ביי וועלכן דער פופציק־יאָריקער געבורטסטאָג פון אונזער אַלעמענס פריינט חיים שאַפּיראָ, וועט געפייערט ווערן.

דער נאָמען פון דעם געטרייען חיים שאַפּיראָ איז זייער נאָענט פאַרבונדן מיט דעם געבורט און אַלגעמיינער געשיכטע פון די אידישע אָרגאַניזירטע בעקער־אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס.

מיט איינע יאָרן צוריק, בעפאָר די אידישע בעקער אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן געהאַט אַ זעלבסטשטענדיקן בעקער־לאָקאַל, זיינען שוין פילע בעקער־אַרבעטער געווען אַקטיוו אין מיטהעלפן פריינט שאַפּיראָ אין זיינע הומאַניטאַרע אַרבעטן פאַר דעם סאַניטאַריום. פריינט שאַפּיראָ האָט אין דער קליינער צאָל אידישע בעקער־אַרבעטער פון יענער צייט דערזען אַ גוטן עלעמענט, וועלכע האָבן זייער גאַנצע צייט, מיה און ענערגיע אַוועקגע־געבן פאַר דע פוואוילזיין פון דעם סאַניטאַריום.

מיט דער גרינדונג פון אַ זעלבסטשטענדיק אידישער בעקער יוניאָן אין יאָר 1924, האָבן זיך די אָרגאַניזירטע אידישע בעקער־אַרבעטער אַריינגע־וואָרפן מיט אימפעט אין געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואו מיר, אידישע בעקער־אַרבעטער, שטייען זייט ביי זייט מיט אונזער אַלעמענס באַ־ליבטן פריינט און כלל־טוער, חיים שאַפּיראָ.

זייט געגריסט, חבר און לערער, חיים שאַפּיראָ! זאָל די צוקונפט שענ־קען דיר און דיין פאַמיליע פילע יאָרן פון געזונט און מוט. מיר, אידישע בעקער־אַרבעטער, זיינען שטאָלץ מיט דיינע פאַרגאַנגענע פופציק יאָר און ווילן האָפן זיך צו באַטייליקן אין דיין 75 יאָריקן יובילעאום.

לאַנג לעבן זאָל חיים שאַפּיראָ און די טויזנטער חיים'ס, וועלכע דינען געטריי די אַרבעטער־מאַסן, ווי אויך אונזער אידישן פאָלק.

## אידישע בעקערס יוניאָן לאָקאַל 453

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

**ראובן בוראַקאָף, פּראָטאָקאָל סעקר.**

**משה פריימאַן, ביזנעס אַגענט**

הארציקער פריינט, ליבער חיים שאַפּיראָ!

אין ניו־יאָרק, דערמאָנענדיק זיך וועגן דער שווערער אַרבעט וואָס מיר האָבן געהאַט ביי דעם אויפבויען פון אידישן רעפּערטואַר טעאַטער אין לאָס אַנדזשעלעס, פלעג איך תמיד טראַכטן פון אייך און באַוואונדערן אייער טאַקט, באַציאונג און ליבע, וואָס איר האָט אונז אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט פון אונזער שפּילן אין ל. א. אָן אייך וואָלטן מיר באמת ניט געקאָנט באַווייזן אַזאַ דערגרייכונג: אַ יאָר קונסט־אידיש־טעאַטער אין ל. א. אייער פריינד־שאַפט צו אונז פּערזענליך און צום טעאַטער האָט אונז געגעבן מוט אָנצוגיין מיט אונזער שווערער אַרבעט.

איך בין גליקלאַך צו האָבן די געלעגנהייט היינט צו באַגריסן אייך לכבוד אייער יובל און ווינטשן אויך צוזאַמען מיט אייער פאַמיליע אַ סך יאָר פון גליק, פרייד און געזונט. לאָס אַנדזשעלעס האָט נאָר איין חיים שאַפּיראָ, און חיים שאַפּיראָ טיילט אוים וואַרעמקייט און פריינדשאַפט צו אַלע, וועלכע קומען זיך אָנוואַרעמען אין טיילמאָל ניט אַזאַ וואַרעמען ל. א.

**אַנאַטאָל און פראַנקאַ ווינאָגראַדאָף.**

---

## לייִדיס אָקזילערי פון לאָקאַל 453

די לייִדיס אַקזילערי נומ. 453 פון דער אידישער בעקערס יוניאָן שיקן אויך זייער האַרציקן גליקוואונש צו פריינט חיים שאַפּיראָ און זיין פאַמיליע, צו דיזער גלאָררייכער פייערונג פון דעם פופציק יאָריקן יובליי.

מיר, די פרויען פון די אידישע בעקער־אַרבעטער, ווייסן ווי טייער פריינט שאַפּיראָ ווערט געשעצט ביי אונזערע מענער. אונזערע פייערונגען פון דעם ערשטן מאַי זיינען קיינמאָל ניט פאַרפולט אָן פריינט חיים שאַפּיראָ. און מיר, שוועסטער פון דער בעקער־אַקזילערי, זיינען ווירקליך שטאָלץ מיט חיים שאַפּיראָ'ס אויפטואונגען פאַר די פילע לאָקאַלע אינסטיטוציעס, אין

וועלכע מיר האָבן אויך דעם פאַרגעניגן אנטייל צו נעמען.

מיר ווילן האָפן צו האָבן אויך דעם פאַרגעניגן אין העלפן פייערן פריינט חיים שאַפּיראָ'ס 75 יאָריקן יובילײ צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, ווי אויך צו־זאַמען מיט דער גאַנצער אַרבעטער משפּחה.

---

# איקאָר שטאַט קאָמיטעט

## לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

מיר האַלטן פאַר אַ פּריווילעגיע צו באַגריסן דעם פופציק־יאָריקן יובי־לאַר, חיים שאַפּירא, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער, וועמעס האַרץ קלאַפּט שטענ־דיק אין אַקאָרד מיט די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן.

מיר געדענקען, אַז חיים שאַפּירא, דער סאָציאַליסט, דער חשוב'ער אַר־בעטער רינג מיטגליד, איז געווען איינער פון די ערשטע צו דערפילן די גרויסע היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכע וויכטיקייט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער ערשטער איקאָר מאַסן־פאַרזאַמלונג אין לאָס אַנדזשעלעס.

ווען דער איקאָר האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע צו שיקן אַ פאָלקס־דעלעגאַציע קיין ביראָ־בידזשאַן (וואָס איז לײדער אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער אינטערנאַציאָנאַלער מלחמה־געפאַר) איז חיים שאַפּירא גרייט געווען צו פאַרלאָזן זיין אָפּיס און זיינע פּריוואַטע געשעפטן כדי צו פאָרן אין זען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי אַזוי אידן בויען זייער ערשטע אויטאָנאָמע טערי־טאָריע אין ביראָ־בידזשאַן און דאַן ברענגען דעם גרוס צו אונז. און דריי טויזנט אידן פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דער־וויילונג פון די דעלעגאַטן, האָבן אַרויסגעוויזן זייער צוטרוי צו חיים שאַפּירא און אים דערוויילט אַלס איינעם פון די צוויי דעלעגאַטן.

אויף אונזער רוף צו אייניקייט אין די אידישע רייען אין קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, איז חיים שאַפּירא, דער פּראָגרעסיווער געזעל־שאַפטלעכער טוער, געווען דער סאַמע ערשטער זיך אָפּצורופן און נעמען אויף

זיך די ארבעט פון שמידן אייניקייט. מיר ווייסן, ווי שווער עס איז אים אנגעקומען, וויפיל שטיינער און דערנער ער האט געמוזט פון זיין וועג באַזייטיקן, אָבער ווי א מוטיקער און ערנהאַפטער קעמפער איז ער געגאנגען שטענדיק פאָרווערטס צו זיין ציל. און אויב אונזער לאַנדזשעלעס איז א מוסטער פון אייניקייט אין די פּראָגרעסיווע אידישע רייען, האט אין דעם א גאָר, גאָר גרויסן חלק דער יובילאר חיים שאפּירא.

מיר ווינטשן אים לאנגע יאָר פון פרוכטבארער ארבעט.

## שטאָט קאמיטעט איקאָר

**אַהרן קוירטמאַן, סעקרעטאַר.**



## Samuel H. Golter

**Executive Director, Los Angeles Sanatorium and Expatients Home**

Throughout my years of close association and friendship with Chaim Shapiro, I have come to recognize his influence as among the most potent and far-reaching being exerted by any individual in this great humanitarian cause.

And so it is with great admiration and deeply-felt appreciation for his efforts in the past quarter of a century that I take this opportunity to send my own personal greetings on this fiftieth birthday of Chaim Shapiro.

At the same time, may I extend to Mr. Shapiro the best wishes of all of the leaders and workers in the Sanatorium cause throughout the United States, who join with me in this expression of good will and friendship to one who has devoted a large part of his lifetime to the alleviation of distress and suffering.

## District Grand Lodge No. 4—B'nai B'rith

Chaim Shapiro 50th Anniversary Committee:

Heartiest congratulations to our very good friend, Chaim Shapiro, on the attainment of his 50th birthday, and upon the recognition which he is receiving from his friends through your committee in the form of the 50th birthday anniversary celebration to be given on Sunday, October 31, 1937.

Chaim has shown himself kindly, humane, of splendid character, and thoroughly social-minded, living not for himself alone, but willing to consider the welfare of his fellow men. May his strength and his tribe increase!

Sincerely,

JACOB J. LIEBERMAN.

---

## Eastern Mutual Social Club

The Eastern Mutual Social Club takes this opportunity to congratulate Mr. Chaim Shapiro on his 50th anniversary. Our club is glad to be one of the numerous organizations helping to carry on the charitable work which Mr. Shapiro started twenty-five years ago at the Los Angeles Sanatorium and Ex-Patients Home.

## H. Gregory Brilliant

During the past twenty-five years, Chaim Shapiro has been practicing law in the City of Los Angeles, with dignity and a deep regard for the responsibilities entrusted in his care. His sympathetic treatment of the indigent clients is of common knowledge to all. His activities as a member of the Bar has done considerable to elevate the dignity of his profession.

Chaim Shapiro's private and business life has been as blameless and idealistic as is possible; those vices inherent in most ment seem to have been denied him. His public life has been one long term of service to his fellow men and a constant endeavor to better conditions of humanity.

The private and organizational efforts of Chaim Shapiro, on behalf of the oppressed, the homeless, the sick and the destitute, will remain a page of noble deeds in the book of time. He is no longer an individual in the minds of his fellow men, he has become an Institution of Good Human Action and Inspiration.

As long as the World has meen like Chaim Shapiro, there is still hope for a true civilization.

H. GREGORY BRILLIANT.

## Ladies' Auxiliary of Ex-Patients Home

As President of the Ex-Patients Ladies' Auxiliary of the Los Angeles Sanatorium and Ex-Patients Home, I take great pleasure in extending my sincere greetings and the greetings of our entire membership to one whose career has been one of devotion to the ideals for which our organization strives. After the many years of wonderful work in behalf of the Los Angeles Sanatorium on the part of Mr. Chaim Shapiro, I am sure it is the great work of the Sanatorium itself, and not the words of praise from his thousands of friends that he will treasure the most. But on his fiftieth birthday, despie this, I feel it is our duty and it is certainly a pleasure and a privilege to extend these few words to a man who has done so much in this fight against disease.

## Jewish Consumptive and Ex-Patients Relief Association

**Duarte, California**

I have been asked for a few lines to be included in a book of greetings to be presented to our friend Chaim Shapiro on the occasion of his 50th Birthday Anniversary. My first thought was to say something regarding his connection with the Sanatorium, but looking over the names of the Arrangement Committee, I find not only the names of representative leaders of local Jewry, but also the names of the founders of the Sanatorium and those of the most active in the Sanatorium work today. I am sure that they are much more fitted than I to appraise the work of our mutual friend on behalf of the Sanatorium. All I can do is merely add my small voice to help swell the mighty chorus of well-deserved acclaim in the honor of friend Chaim.

J. ROSENBLATT, M.D.,
Medical Director and Supt.

---

## L. A. Joint Board, I.L.G.W.U.

We greet Chaim Shapiro on his Fiftieth Birthday Anniver-
To his friends and comrades it is more than a mere cele-
sary.
bration. In the life of the Jewish Community and in all the struggles of Labor, Chaim Shapiro has become an almost indispensable institution.

His great humanitarian heart pulsates with the tempo of the events of Labor's struggles. Like a prophet of old, he weeps at the misfortunes of his people and rejoices with them in their happier moments.

As a friend and comrade we greet him and wish him many more years of life and activity.

I. LUTSKY, Manager.

## B. C. Huber

We gladly acclaim the victory over our hearts that Chaim Shapiro brings back as the trophy of his fifty years.

In the pause wherein the atonement of jubilee restores all things to their original peace, the joy of friendship sings to us that in this man we have met our own heart walking in the world.

So on this occasion we have come from the variety of our lots in life, to sit down in that at-one-ment of the Spirit from which all things originate and into which all things finally dissolve.

In the melting of a conquered judgment we again send him forth, our friend Chaim Shapiro, attended by that eternal youth with which the good spirit obtains in this very world, the smile of God.

MR. and MRS. B. C. HUBER.

---

## Walter Collins

Comrade Shapiro:

Congratulations on your reaching the Golden Age of Fifty. Although there is happily no longer a "gold standard," as a modern Golden Calf for the opulent to worship, there is a greater treasure in the memories of a half century of humanitarian activities for which you can justly be proud. In the many years of our mutual friendship, you have always been to the front of every struggle where freedom and human rights were concerned, and I sincerely hope you will live many more years to continue the good work.

I regard your active life as a shining example of what Thomas Paine so tersely expressed: "The World is my Country; To do good my religion."

WALTER COLLINS.

# Rabbi Dr. S. M. Neches

Dearest Friend:

